שנה ג'
נומער קל"ו
**פרשת מטות-מסעי**
תשפ"ב

# קרית ברסלב בלעטל



# מוהראי"ש זי"ע באזוכט אין מחנה היכל הקודש

## ראש חודש אב תש"ע

ניע אפטיילונג:

"א רייזע מיט פישל"
ווארט מיט שפאנונג

נייעס:

**אפדעיטס פון אומאן ראש השנה תשפ"ג**

א סעודה מיט'ן ראש ישיבה שליט"א:

**זאל מען נעמען געלט פון די שטאט?**



**מו"ה יצחק פאפענהיים הי"ו מנהל תלמוד תורה היכל הקודש ירושלים באזוכט אין מחנה היכל הקודש ליבערטי פנחס תשפ"ב**

קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע
**מרדכי אינדיג**
**אברהם משה שטראססער**
**אברהם הערש וועבערמאן**
**אברהם יצחק אייזנער**
**יחזקאל שרגא שארף**

**צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפּגעשיקט צו אייער טיר רופט:**

718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org

**צו אדווערטייזן אדער אריינצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע בריוו אדער הגהות רופט:**

845.379.1161
136-Huschke Rd Hurkeyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב:** 212.444.9191
**חיזוק פאר די אידישע שטוב:**
212.444.9169
BRESLEVCENTER.COM

# א ווארט
*פון דער רעדאקציע*

## א רייזע מיט פישל

ברוך השם מען שטעלט זיך נישט אפּ, יעדע וואך פּרובירט מען מיטן אייבערשטן'ס הילף צו גיין נאך א שטאפּל העכער פון א וואך פאר דעם.

אבער יעצט קומען מיר מיט גאר א ספּעציעלע נייע סעריע וואס וועט האלטן געשפּאנט דעם עולם יעדע וואך, עס וועט זיין געבינדן און געפלאכטן מיט די פּאזעצונג פון א וואך פריער.

די נייע סעריע וועט הייסן "א רייזע מיט פישל", מען וועט אנהייבן מיט איין מעשה וואס האט זיך אפּגעשפּילט מיט פישל, ווען מען ענדיגן מיט דעם וועט מען גיין צום קומענדיגן מעשה וואס האט זיך אפּגעשפּילט מיט פישל.

עס איז זיכער דא אסאך וואס האבן שוין געליינט די מעשיות מיט פישל, די חידוש וועט זיין אז מיר וועלן עס אראפּלייגן פאר אייך מיט א ברסלב'ן טעם, עס וועט זיין א מעשה וואס וועט אייך ברענגען גאר שטארקע אינהאלט אויף די למעשה'דיגע לעבן, וואס יעדער קען מיטנעמען אויף פּראוויס מיטן אייבערשטן'ס הילף.

מיר בעטן דעם אייבערשטן עס זאל זיין מיט הצלחה און סייעתא דשמיא, און די אינהאלט פונעם אויסגאבע זאל נאר ברענגען די ליינער נענטער צום אייבערשטן.

## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 29 | 80°/56° | | AM Showers |
| Sat 30 | 82°/58° | | Partly Cloudy |
| Sun 31 | 83°/61° | | Partly Cloudy |
| Mon 01 | 83°/63° | | PM Showers |
| Tue 02 | 86°/62° | | Partly Cloudy |
| Wed 03 | 85°/59° | | Scattered Thunderstorms |
| Thu 04 | 85°/62° | | Partly Cloudy |
| Fri 05 | 85°/63° | | Partly Cloudy |

גערענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
**די וועטער מבינים ווייסן נישט אל"ץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין**
שיחות הר"ן רכ"א

## זמנים
Liberty

**פרשת מטו"מ ב' אב תשפ"ב**

**הדלקת הנרות** ......... 08:01
**מוצאי שבת** ............ 09:30
**מנחה מערב דברים.** 09:10

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה שמשון הערש טייטלבוים הי"ו**
**וזוגתו רבקה חנה תחי'**
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסאך נחת ביי דעם קינד און אלע קינדער.

ביטע נישט פארן אויף די ראודס אין שטעטל
מער ווי 20 מייל א שעה עס קען זיך זייער נישט
גוט ענדיגן חס ושלום.
SPEED LIMIT 20
SPEED LIMIT 20
אזוי אויך ווילן מיר בעטן די וואס שפּאצירן ביינאכט
אויף די ראוד, ביטע טוט אן א רעפלעקטער, מען קען
אייך נישט באמערקן אן א רעפלעקטער.



# בריוו צו די רעדאקציע

## א הערה אויפ'ן ארטיקל "נישט יעדע טול קען מען ניצן אלעמאל"

לכבוד די חשוב'ע ארבייטער וואס טוען ארויסגעבן די הערליכע קרית ברסלב בלעטל שיחיו.

איך שרייב נישט און אפילו איך וואלט יא געקענט שרייבן קומט מיר נישט אויס קיין צייט קיינמאל, איך בין א פאריאגטע מאמע וואס דארף לויפן א גאנצן טאג צו קעיר נעמען פון מיינע קינדער, איך האב מיך געזעצט פרייטאג צונאכט'ס מיט די בלעטל איך האב געליינט דעם ארטיקל פון די זאך וואס שטייט אז מיר קענען נישט דן זיין אליין און זאגן פאר א מענטש אז זיין תפילה ווערט נישט אנגענומען אין הימל.

עס האט מיך אזוי אויפגעברויזט, עס האט מיך ארויפגעברענגט אלטע ווייטאג, איך האב אנגעהויבן פילן ווייטאג אין מיין רוקן איך האב געפילט ווי איך וועק אויף א בער אינעווייניג אין מיר, איך האב מיך דערמאנט ווי אזוי מיינע לערערינס אין שולע האבן געגעבן שיעורים, און אזוי אומדירעקט האב איך באקומען די מעסעדזש אז מיר זענען זייער ווייט פונעם אייבערשטן, און ווי דער אייבערשטער באשטראפט אויף יעדע עבירה וואס מען טוט ח"ו, ער איז ברוגז אויף אונז און אזוי ווייטער,
ע ס



איז מיר אזוי שטארק אריין אין די ביינער, עס ליגט אזוי איינגעבאקן אין מיר פון יונגוויז אן, עס באגלייט מיר אויף טריט און שריט.

איך גלייב אויך אין "אני מאמין שהבורא יתברך" אבער פארוואס רעדט מען אזוי פיל פון "ומעניש לעוברי מצוותיו" - וואס דאס איז די צווייטע זאך, פארוואס ווערט נישט ארויסגעברענגט די געוואלדיגע נחת וואס דער אייבערשטער האט פון אונז מיט יעדע זאך וואס מיר טוען?

איז ווען איך האב געליינט דעם ארטיקל האט עס מיר געגעבן א שטארקע חיזוק צו זען אז דער אייבערשטער האט אונז יא ליב, און דאס איז די וועג וויאזוי מיר דארפן קוקן. און הלוואי זאל דאס אנקומען צו נאך מענטשן וואס האבן אויך באקומען דעם סארט מעסעדזש אלס קינד, זאלן זיי אויך וויסן אז דער אייבערשטער איז א זיסע זאך.

יישר כח

מרת א. ע.

## חומש איז א לשון פון געווער

לכבוד די חשובע מערכת.

קודם וויל איך מיך באדאנקען פאר די שיינע הערליכע בלעטל וואס איר געבט ארויס יעדע וואך, עס ווערט ממש שענער און שענער פון וואך צו וואך. איך האב געוואלט מיט טיילן א שיינע זאך וואס איך האב געזען אין די "עיר ברסלב"

גליון וואס ווערט ארויסגעגעבן דורך די מוסדות אין יבנאל. ביי די חומש סעודה אין יבנאל עיר ברסלב האט דארט גערעדט רבי יצחק שליט"א, ער האט נאכגעזאגט א שיין ווארט פונעם מנהל פון תלמוד תורה הרב וועקנין שליט"א אז 'חומש' איז א לשון פון געווער, אזוי ווי רש"י טייטשט איינע פון פשטים אויף די פסוק 'וחמושים עלו בני ישראל מארץ מצרים', וחמושים איז א לשון פון באוואפנעט מיט געווער.

האט ער זייער שיין ארויסגעברענגט אז די תורה די חומש דאס איז די הייליגע געווער פון א איד וואס דאס באגלייט און טוט אים באשיצן פון בלעם און פון אלעם שלעכטס.

## דאנקן דעם אייבערשטן

לכבוד די חשובע עורכים פון די קרית ברסלב בלעטל.

די ערשטע זאך וויל איך דאנקען פאר אזא שיינעם בלעטל, א גאנצע וואך ווארט איך צו באקומען די בלעטל יישר כח.

איך האב זייער שטארק הנאה געהאט פון די מעשה פון תפילה פון ר' יואל טייטלבוים הי"ו וואס איז געשטאנען אין די בלעטל פון פרשת שלח, א מעשה וואס האט פאסירט פארגאנגענעם יום טוב פסח. ווען איך האב דאס געליינט האב איך געכאפט אז אסאך מאל בעט מען אויף א ישועה מ'בעט און מ'בעט און ווען מ'פועלט א ישועה דאנקט מען אביסל און שוין, אבער דא האב איך געכאפט אז מ'מעג און מ'דארף דאנקען לפחות אזוי פיל מאל וויפיל מ'האט געבעטן, ווי איך זעה אז ער דאנקט אויף א ישועה וואס ער האט געזעהן פסח, וואס דאס איז שוין א גוטע פאר חדשים צוריק, איז דאס מעורר צו דאנקען מער.

דא איז טאקע די פלאץ צו אויסדרוקן 'שכח אייבערשטער אויף מיין שידוך', און איך האף צו דאנקען לכל הפחות וויפיל מאל איך האב געבעטן.

א גרויסן שכח

רפאל יעקב גוטמאן, בית שמש

## ארטיקל פון ר' משה ארי' הי"ו

שלום וברכה טייערע און מכובד'יגע בלעטל !

ס'קוקט אויס ווי ענק גלייכן הודעות פון די ליינער, סאיז דא אזוי פיל צו שרייבן און זיך באדאנקען אויף די שיינע הערליכע און רייכע בלעטל וואס מ'קען קוים ווארטן אויף די קומענדיגע. א גרויסן יישר כח!

נאכן ליינען די הערליכע גריסן פון אנ"ש איבער די יו"ט שבועות מיט דעם ראש ישיבה שליט"א האב איך געטראכט אז וויבאלד ר' משה אריה שניטצלער הי"ו שרייבט אזוי שיין און מורא'דיג ציענדיג, אפשר זאל ער שרייבן יעדע וואך עפעס א מאמר אדער א חיזוק ווארט, נישט אז די אנדערע ארטיקלעך זענען נישט געווען גוט, אלע זענען געווען מורא'דיג שיין און מורא'דיג באטעמ'ט, נאר דאס האט מיר גאר שטארק געכאפט און מיט די טעם בין איך געבליבן.

א גרויסן יישר כח איך בין זיך ממש מחיה יעדע וואך, איך בין מקפיד עס צו ליינען דורך און דורך.

א ליינער פון ארץ ישראל

## איך דארף שוין נישט אנדערע צייטונגען

א גרויסן יישר כוח פאר דער שיינער בלעטל יעדע וואך, ממש איין לשער דער עונג שבת וואס איר מאכט מיר, זייט איך באקום דאס דארף איך שוין נישט קיין אנדערע צייטונגען ברוך השם.

זלמן וויזל ירושלים עיר הקודש




# צום פינטל

# בארויבט א גארביטש טראק

עס האט מיך דערמאנט פון א מעשה...

באלד אינדערפרי האב איך שוין באמערקט ווי עס קאכט א קעסל אין שטאט, די קופקעס ביי אלע ווינקלען פון גאס, די טיילווייזע טרעפיק, און די גרעסערע אנוועזנהייט פון פאליציי האט מיר קלארגעשטעלט אז עפעס פרייליך... קומט פאר אין שטאט. איך מאך שנעל מיין וועג צום מקוה אין בית המדרש, אז די שטאט רעש'ט קען איך דאך וועגן דעם יעצט נישט פארפאסן דאס דאווענען, און איך קען נישט זיין שפעט צו דער ארבעט. איך פארשטיי אז איך בין א וויכטיגער פערזאן, אבער העכסטנס אז מען וועט דארפן וויכטיג מיין הילף צו שליכטן דעם קריזיס וועט מען שוין טרעפן א וועג ווי אזוי מיך צו קאנטעקט'ן...

נ א כ ' ן

דאווענען האב איך שוין כמעט געברויכט נעמען א צד, יעדער האט גענומען די מעשה אזוי פערזענליך כמעט ווי די אויסגאנג פון די פרעזידענטליכע וואלן... קיין ברוינפן טרינק איך טאקע נישט, אבער א לחיים נאכ'ן דאווענען איבער א שטיקל לעקעך קען דאך נישט שאטן, און אינאיינוועגס זען וואס אזוינס עס גייט עס רודערט זיך, ווער וויל דען נעמען א שאנס צו פארפאסן אזעלכע וויכטיגע נייעס. איך הער זיך צו מיט א האלבע אויער; הייינט אין די פריע פארטאגס שעה'ן איז פארגעקומען א באוואפענטע רויבעריי. יעצט פראבירט יעדער אויסצוגעפינען פארוואס די פאליציי האט גענומען אזוי ערנסט די מצב, ברוך השם עס זענען נישט געווען קיין מענטשליכע פאטאליטעטן, ווי עס שיינט - זאגן די זאך קענער - באהאלט מען עפעס פונעם עולם, עפעס קאכט זיך אונטער די קוליסן וואס מען וויל נישט די גאס זאל וויסן דערפון.

ביים לחיים טישל גייט שוין העכערע טענער... טייל זאגן מען האט בארויבט א ברינקס טראק, אנדערע זענען קלאר אז עס האנדלט זיך איבער א גארביטש טראק רויבעריי... ביידע צדדים האבן עס 'אליין' געזען מיט די אייגענע אויגן... אלע האבן בילדער און קליפס, יעדער האט ראיות ברורות וואס טוט צושטימען אז זייער ווערסיע פון די מעשה איז קראנט און הונדערט פראצענטיג...

איך הער דאך אבער נאר אויס מיט א האלבע אויער... איך בין דאך פון די מער באזעסענע... מיר אינטערעסירט נישט קיין כי הוא זה די אלע שמועסעלעך... איך בין סתם נייגעריג דא דארט צו וויסן אביסל. איין זאך איז מיר קלאר, אז דער עולם איז ערנסט נישט מיט אונז... איך וויל פארשטיין, מענטשן האלטן באמת אז מען האט בא'גנב'עט א גארביטש טראק... וואס איז געשען, אפשר האט דער קאראנא ווייראס



פלאך געמאכט די קעפ דא? אדער אפשר איז דאס גאר א תוצאה פון



די העכערע געז פרייזן...? איך האב געמיינט אז אזוי ווי דער פרעזידענט ירום הודו איז געגאנגען אביסל צום מיטל מזרח, וועט דאס האבן א גינסטיגע השפעה אויף די באפעלקערונג. איך האב געמיינט אז כאטש די יונגערע צווישן אונז וועלן זיך אביסל צוריקכאפן פונעם אוילדסהיימערס וואס האט באטראפן דאס אמעריקאנער פאלק...

איך וויל פארשטיין... נאכאמאל? זאג איבער דיין ווערסיע פון די מעשה? אפאר געשולטע פארמאסקירטע רויבער האבן פלאנירט און איבערגעפאלן א... וואס? איך הער נישט... א סעניטאציע טרעקל? איך האף נאר אז דער אנפירער פון די באנדע האט זיי מיטגעגעבן - חוץ די ביקסן, און געווער - אויך אפאר גוטע נאזן שטאפער'ס (נאויז קליפס בלע"ז)... וואס קען מען שוין בא'גנב'ענען אין א גארביטש טראק... קען זיין אז זיי זוכן די שיריים פון די נאראפטיגע נאכטמאל וואס מיין ווייב האט נעכטן (נישט) צוגעשטעלט... דאס קען שוין יא אפשר מאכן סענס, גאנץ מעגליך אז פאר דעם וואלט זיך אפשר יא געלוינט צו פארכאפן א מיסט טרעקל... אבער איך האב שלעכטע נייעס... נעכטן האט דאס ווייב געבלאזן... נעכטן איז געווען 'די נאכט' וואס איך האב געזוכט אין שענקל עפעס זיך צו דערכאפן דאס הארץ... איר ווייסט דאך וואס איך האב דארט געטראפן; מייערן, א פושקע טונא, אביסל רייס קעיק... א שאד פאר זיי צו זוכן, פון מיין הויז איז שוין א שיינע פאר טעג נישט ארויסגעטראגן געווארן די מיסט זעקלעך... זי קען זיך נישט צאמנעמען... אפילו די ווינדלען פון די פיצלעך וועלן די רויבער דארט נישט טרעפן, עס ליגט נאך אומבארירט שיין פארפאקט אויפ'ן זעלבן ארט ווי מען האט עס אראפגעלייגט...

שוין! איין זאך זע איך אז מענטשן האבן באמת גאר וויכטיגע זאכן צו ערלעדיגן... אין א גרינעם דינסטאג זיצט מען און מען לחיימ'ט... איך האב מורא אז די השפעות פון אנעמפלוימעט רינט נאך ערגעצווי...

אלענפאלס נאך אלע שפעקולאציעס, און שמועסעלעך, בין איך גארנישט קלוגער געווארן, די זאך איז קלאר אז ס'איז נישט דא וואס צו בארויבן אין א גארביטש טראק... אז שוין יא בארויבן פארוואס טאקע נישט קיין ברינקס טראק... קען זיין אפשר ווייל א ברינקס טראק איז באפאנצערט און באשיצט און א גארביטש טראק נישט...?

אקעי! סטאפ מיט די קארני דשאויק'ס! די קענסט אפשר אויפהערן שפעקולירן?! האסט אוועקגעטראגן דעם עולם! יעדער איז שוין געשפאנט! האסט שוין געפראווד אז די ביסט א אויסגעצייכנטער שרייבער! וואס נאך... זאגסט דאך אז גאר דיין זאך איז 'צום פינטל', נו אפשר קענסטו מברר זיין וואס דא טוט זיך, אפשר קענסטו ברענגען עפעס קראנטע נייעס פאר'ן עולם?!

פיין! איך ברעך מיך, איך גיי צו צו מיינס א פארלעסליכער ערשטאהאטיגער נייעס באריכטער... יא יא איר האט גוט צוגעטראפן, דאס איז דאך דער זעלבער יונגערמאן וואס האט פאראויסגעזאגט אז טראמפ גייט עס זיכער מאכן... ער האט געוויסט צו זאגן אז אויב נישט גייט זיין א די-זעעעסטער, און א טאג נאך די אויסגאנג פון די וואלן - אויב טראמפ מאכט עס נישט - ציט ער זיך אוועק פון די פאראייניגטע שטאטן קיין דענוווער קאלאראדא... שוין! איך שפאן צו צו אים, ער וועט זיכער וויסן וואספארא קאנספיראציע טעאריע שפילט זיך דא אפ.

יא! איר זענט גערעכט געווען, ער האט א מיינונג,

לאך נישט! עס איז גאר ערנסט די לאגע, ער האלט קלאר אז דאס איז נישט קיין רויבעריי, דאס איז אן אבלאווע פון די שטאטישע אינסטאנצן, זיי זוכן קאוויד טעסטינג, וואקסינאציע, פי די עף'ס... ער האט עווידענס, ער האט אפילו נעמען פון די מענטשן וועמען מען האט גענומען אין חד גדיא אריין, אבער עס איז צו פרי ארויסצוגעבן די נייעס... נו גיי פרעג אים אפ.

הקיצור איך דערזע מיך אין א קינדערגארטן, לאמיך כאפן הענט און פיס איידער איך ווער דא ממש כקטן שנולד...

* * *

ביי דער ארבעט זענען זאכן געגאנגען אויף שטילערע טענער, ווי נישט ווי די אלע וואס קומען אריין אין דער ארבעט האבן דאך א דזשאב... נישט דא צופיל צייט צו לופטערן קיין נייעס, למעשה קיין ענטפער'ס זענען נישט דא, די פראגע 'וואס גייט פאר' איז געבליבן הענגען אין די לופט.

דער אייבערשטער איז דאך אבער א זן ומפרנס לכל, ער פיטערט יעדעם מיט וואס ער ברויך, ער ווייסט דאך ווי וויכטיג עס איז פאר מיר עס זאל אריינשפילן צו מיר אין האנט די נייעס, נאכנישט אריבער קיין פיר און צוואנציג שעה פונעם שטורעם, און... עס באווייזן זיך ביי די טיר פון מיין אפיס צוויי אפיצירן פון איינע פון די ביוראקראטן וואס באפאסן זיך מיט'ן אויספארשן פארברעכנס. נאכ'ן מיר קלארשטעלן אז איך בין נישט פון די געזוכטע, זיי זיכן מיך נישט אויסצופארשן, האבן זיי מיר געזאגט אז זיי דארפן פשוט מיין הילף, לויט זייער אינפארמאציע איז די רויבעריי פארגעקומען ערגעץ נישט ווייט פון די גאס ווי עס געפינט זיך מיין אפיס, זיי ווילן פשוט צוטריט צו מיינע סורוועילענס קעמערע'ס. איך האב זיי אזויפיל געזאגט אז אויב זיי ווערן געוואויר עפעס קענען זיי מיך געטרויען מיט די אינפארמאציע... עס וועט בלייבן קאנפידענשל, פון מיר וועט נישט ארויסרינען קיין אינפארמאציע, איך האב זיי פארזיכערט אז איך בין סך הכל א שרייבער אינעם 'ברסלב'ער שטעטל בלעטל' וואס אפילו עס זאל דארט ארויסרינען... ווער ליינט דען די ברסלב'ע זאכן... גיי זיי מסביר פאר'ן גוי איבער אזאנע הייקעלע זאכן ווי 'מסורה'... גיי ברעך דיך דיינע ציין מסביר צו זיין אויף די גויאישע שפראך אזעלכע טערמינען: 'מען האט נישט געהאלטן דערפון...' 'מען טאר נישט אריינקוקן אין זייערע ספרים...' צופיל האבן זיי נישט פארשטאנען, אבער די הומער האט אביסל אראפגעברענגט דאס אנגעצויגענקייט.

אבער ווען איך האב מיך געוויצלט מיטן אפיציר, זאגענדיג: אויב שטעלט זיך טאקע ארויס אז עס איז בארויבט געווארן א טראק פון די סעניטאציע דעפארטמענט... זאלן זיי ביטע נישט לייגן די רויבער אין תפיסה, עס קומט זיי ענדערש זיי זאלן ווערן איינגעשפארט אין אן אנשטאלט פאר משוגעים... געבט מיר אזא קוק אן מיט א בלינק מיט א האלבער אויג, האלב לאכעדיג האלב ערנסט: 'איך האף אז איר זענט קלוגער פון דעם' עס פאסט נישט פאר א אידישע קאפ אזוי צו קלערן, און ווי



א אפיציעלע מעלדונג געבט ער מיר א זאג: **"אויב איז דא פארגעקומען א רויבעריי איז דאס נישט אויף א גארביטש טראק, אויב איז דא פארמישט א גארביטש טראק דאן איז דא נישט געווען קיין רויבעריי".**

איבערקוקנדיג די קעמערע'ס האבן מיר געזען די גאנצע רויבעריי שפילט זיך אפ פארנט פון אונזערע אויגן, מען האט געזען זייער קלאר, אין די פריע פארטאגס שעה'ן די גאס איז ליידיג, ווען פלוצלינג זעט מען א איד שפאצירט אראפ די גאס מיט א טאשקע אין די הענט, א פאר סקונדעס דערויף זעט מען, א טראק פון די סעניטאציע דעפארטמענט דרייט זיך אריין אינעם געסל, עס שטעלט זיך אפ ביי יעדע הויז אפצונעמען די מיסט, באלט דערויף זעט מען א שווארצע לינקאלן זיך ווילד אריינגעדרייען אינעם גאס, דאס איז עס! דאס איז דער געזוכטער קאר! אבער ווי עס זעט אויס האבן די רויבער נישט געטראכט אז זיי וועלן דארפן בייטן פלענער, זיי זענען יעצט געשטראנדעט אונטער א גארבעטש טראק, זיי דארפן יעצט פאסן א באשלוס וואס מען טוט דא ווייטער, ווען יעדע רגע קענען זיי פארשפילן די אקציע, די פאר סקונדעס ווארטן קען צונישט מאכן די וואכן און חדשים פון פלאנירן. נישט געזארגט זיי האבן זיך נישט פארלוירן, גאר שנעל שפרינגען ארויס צוויי פארמאסקירטע פארשוינען און פארכאפן דעם גארביטש טראק, און מיט געניטע מאנעווורע'ס פירן זיי עס ארויס פון זייער וועג, נאך צוויי חברה טאנצן ארויס פונעם שווארצן קאר און לייגן אראפ דעם איד אויף דער ערד, דער טאשקע מיט אלע פיר פארשוינען זענען אין א אויגן בליק געווען צוריק אינעם שווארצן לינקאלן, וואס אין סקונדען איז פארשווינדן געווארן פונעם האריזאנט.

* * *

פיל מאל אין לעבן דאכט זיך אז מיר טוען בייוואוינען די גאר מאדנע ספעקטאקל, מיר טרעפן זיך אין א מצב וואס עס זעט אויס ווי מיר וואוינען יעצט ביי נישט מער און נישט ווייניגער **'א באוואפנטע רויבעריי אויף... א גארביטש טראק'.**

אבער מיר כאפן זיך גלייך ביים קאפ, 'איך האף אז איר זענט קלוגער פון דעם' עס פאסט נישט פאר א אידישע קאפ אזוי צו קלערן! ווייל **'אויב איז דא פארגעקומען א רויבעריי איז דאס נישט אויף א גארביטש טראק, אויב איז דא פארמישט א גארביטש טראק דאן איז דא נישט געווען קיין רויבעריי'.**

ווען איך דערזע מיך סוף טאג און איך דערמאן מיך "אוי היינט האב איך פארפאסט לייגן תפילין, אוי איך האב פארפאסט א שחרית, א מנחה, איך האב אויסגעלאזט א מעריב. אפגערעדט קריאת שמע, איך דערזע מיך ווי דער טאג איז אריבער מיט קוקן נארישע מאוויס, מפקיר געווען מיינע אויגן, איך האב ניטאמאל אריינגעכאפט צו זאגן א משנה, א קאפיטל תהילים".

דער סמ"ך מ"ם האט געמאכט א פיינער ארבעט מיט זיין רויבעריי! אבער וואס? ווי? ווען? פארוואס שטייט ער טאג און נאכט מיט פלענער מיך צו בא'גנב'ענען? וואס ברענט אים אזוי שטארק אוועקצונעמען פון מיר א שחרית? וואס ברויך ער מיין שמירת עיניים אזוי וויכטיג? וואס איז אים אזוי וויכטיג צו פארכאפן מיין תפילין? אזוי וויכטיג איז פאר אים צו פארכאפן עפעס א שמוציג ווינדל פון א גארביטש טראק? ער זיצט און לאקערט, אויף וואס? אויף די מיסט וואס ליגט אין מיין גארביטש טראק? וואס וועט ער שוין דארט פארכאפן 'מיין' שחרית? 'מיין' תפילין 'מיינע' אויגן 'מיין' קריאת שמע 'מיין' משנה'לע?

אלא מאי, זעט אויס אז עפעס א טעות איז דא אין די מעשה **'אויב איז דא פארגעקומען א רויבעריי איז דאס נישט אויף א גארביטש טראק, אויב איז דא פארמישט א גארביטש טראק דאן איז דא נישט געווען קיין רויבעריי'.**



עס מוז זיין אז אויב לאקערט ער אזוי אויף מיר, אויב וויל ער מיר צונעמען מיין שחרית איז א סימן אז מיין שחרית איז דער שווארצע טאשקע אנגעפילט מיט דיימאנטן.

אויב האט ער נישט וואס צו טון קיין בעסער'ס נאר מיר אוועקנעמען מיינע אויגן, וואס גייט אים אן אז איך וועל געבן 'איין קוק' ווייניגער, "כא כא כא דא האבן זיך שוין די רויבער צילאכט..." 'איין קוק' ווייניגער דאס איז דאך שוין טאקע באמת גארנישט, אלא מאי מוז דאך זיין אז איין שלעכטע קוק ווייניגער איז ביי אים ווערד זיך אנצושטרענגן און איינשפאנען אלע זיינע כוחות, יא! די איין נישטיגע בליק, וואס איך וועל מיך צוריק האלטן פון קוקן - איר זאגט דאך, בעסער געזאגט איך זאג דאך... אז איך בין א מיסט קאסטן, זעט אויס אז עס איז עפעס א טעות איז אריינגעפאלן אין די מעשה, ווייל **'אויב איז דאס א רויבעריי איז דאס נישט א גארביטש טראק!** זעט אויס אז דארט ליגן טייערע דיימאנטן וואס ליגט נישט ביי קיינעם, עס לוינט אים צו לאקערן אויף מיר, והא ראי' אז ער זיצט נישט אזוי ביי קיינעם, ער רויבט נישט אזוי ביי קיינעם ווי ביי מיר.

אויב איז טאקע אמת וואס מען האט מיר געהאקט אין קאפ אין ישיבה, 'ולרשע אמר אלקים מה לך לספר חוקי'? דיין לערנען איז גארנישט ווערד! וואס איז שוין ווערט דיין שבת, ביסטו דען באמת'ן אמת לאמיתו א שומר שבת? וואס איז שוין דיין תפילין ווערד אויב קריכסטו נישט דערמיט אויף די לבנה! ווער דארף דיין רעדן צום אייבערשטן? "האמיר נישט יעצט ליב דעם אייבערשטן, דו דארפסט טראסקענען אין די דריי בבות" אויב זענען טאקע אלע מיינע קליינע מצוות ווערדלאז, נו אויב אזוי, פארוואס פירט דער סמ"ך מ"ם אזא פארביסענע קאמף עס צו פארכאפן פון מיר? אההה! אכן נודע הדבר: זעט אויס אז עס איז עפעס א טעות איז אריינגעפאלן אין די מעשה, ווייל **'אויב איז דאס א רויבעריי איז דאס נישט א גארביטש טראק'!**

עפעס גרויסע אוצרות מוז ליגן אין מיין שלום בית, זעט אויס אז אויב איך און מיין ווייב וועלן זיך פארשטיין און זיך אויסקומען דאן וועט ווערן פון דעם גרויסע זאכן, אז נישט פארוואס זוכט דער סמ"ך מ"ם פאר יעדן פרייז אין די וועלט צו מאכן אן אנגעצויגענקייט צווישן מיר און מיין פרוי?

עס מוז זיין אז מיין פשוטע שבת טיש איז עפעס גין גאלד, הע! 'מיין' שבת טיש? דו ווייסט ווער איך בין? דו ווייסט וואס איך האב אלס אפגעטון? דו ווייסט דען וואס איך טו אלס אפ? ניין! איך ווייס נישט! אבער מיר האבן דעם נייעס פיבער מעסטער, אז די רויבער זענען אין געיעג דערנאך, איז א סימן אז דאס דארף מען באשיצן פאר יעדן פרייז אין די וועלט.

מיין ציצית? יא מיין ציצית! אבער ס'איז דאך פון קאטען, עס איז ווי א נע"ט, עס איז אונטער די העמד, ר' ... האט דאך איין געזאגט ענדערש גיי נישט קיין ציצית, ווי איידער צו גיין מיט די אלע נייע געציצות'עכצער... ניין! איך קויף עס נישט אפ, דער סמ"ך מ"ם איז נישט משוגע, וואס איך זע אז ער שטעלט זיך איין דאס לעבן צו פארכאפן, וועל איך נישט זיין משוגע און שטעלן א ווידערשטאנד דווקא דאס אים צו לאזן פארכאפן.

יא 'מיין הייליגע פיאות', 'מיין הייליגע בארד', 'מיין הייליגע מקוה', 'מיין הייליגע שבת טיש', 'מיין הייליגע שלום בית', 'מיין נישטיגע פרוטה אין די פושקע'.

זעט אויס אז עס איז עפעס א טעות איז אריינגעפאלן אין די מעשה, ווייל **'אויב איז דאס א רויבעריי איז דאס נישט א גארביטש טראק'!**

יעצט וועל איך זיך נעמען אין געיעג נאך די באנדיטן, איך וועל אלעס צוריקבאקומען, איך וועל ראטעווען מיינע טייערע חפצים וואס מען האט גע'גזל'ט פון מיר לאור יום, און אז א קלייניקייט לאזט מען מיך נישט טון, דאס וויל מען מיך בא'גזל'ן, וועל איך טאקע מיך פארלייגן נאר אויף קלייניקייטן, א משנה, א קאפיטל תהילים, א שחרית, א קוק ווינציגער, און זיכער איין ווארט צום אייבערשטן: רבוש"ע ראטעווע מיך פונעם סמך מם וואס וויל מיך בארויבן מיין אלעס די וועלט און יענע וועלט! **נא נא נא נא! אויסדרוקליך! אויב איז דא געשען א רויבעריי קען דאס בודאי נישט זיין אז עס איז א גניבה אויף עפעס אביסל גארביטש! נא נא נא! אויסדרוקליך! נא נא נא נא!**

# שטעטל נייעס

## סיום ירושלמי פון א בחור תלמיד הישיבה



א הערליכע סיום אויף גאנץ ירושלמי איז פארגעקומען אין בחורים קעמפ פארגאנגענעם מיטוואך פרשת פנחס, פון החתן שלמה טעסלער נרו יאיר וואס גייט חתונה האבן קיין ארץ ישראל.

החתן שלמה האט אנגעפאנגען צו לערנען ירושלמי כסדרן בערך פיר יאר צוריק, בשעת מען האט נאכמאל אנגעהויבן לערנען א דף ירושלמי א טאג, ער האט אנגעהויבן און זיך אפגעשטעלט אינמיטן, שפעטער ווען ער איז אנגעקומען אין ישיבה האט ער צוריק אנגעהויבן לערנען מיט א חשק דפים ירושלמי יעדן טאג, און יעצט האט ער זוכה געווען צו מאכן דעם סיום ברבים.

דער ראש ישיבה האט געבעטן שלמה נרו יאיר זאל פארציילן זיין סיפור התקרבות, וואס ס'האט אים געברענגט צו קומען אין ישיבה, ער האט פארציילט אז ער האט געטראפן א קארטל פון די קול ברסלב האטליין נאמבער, ער האט דאס געהאלטן אין טאש פאר א לאנגע צייט, ערב פסח ווען ער האט בודק חמץ געווען זיינע זאכן פון א גאנץ יאר האט ער דאס געטראפן און אריינגערופן די האטליין, ער האט געהערט א דרשה פונעם ראש ישיבה וואס האט ארום גערעדט די געשמאקייט פונעם יום טוב, ווי מען דארף זיך פרייען אז מען גייט האבן די זכי' צו עסן די הייליגע מצות, זיך פרייען מיט יעדע מצוה און אזוי ווייטער.

דאס האט אים עפעס זייער געכאפט אז מען קען זיך פשוט פרייען מיט יעדע מצוה, און מען דארף נישט האבן חומרות אויף חומרות אין יעדע מצוה און טראכטן אפשר האב איך נישט יוצא געווען.

דערנאך האט מען געהערט א הערליכע שיעור פונעם ראש ישיבה, וואס האט ארויסגעברענגט לשבח פונעם חתן וואס לערנט אזוי פלייסיג יעדן טאג, און שטארק ארום גערעדט פונעם סדר דרך הלימוד, וואס באמת דארף מען פארשטיין פארוואס דארף מען נאכאמאל רעדן פונעם סדר דרך הלימוד בשעת יעדער דא ווייסט שוין פון דעם? נאר וואס דען, וויבאלד דער יצר הרע קומט צום מענטש יעדן טאג מיט אנדערע תירוצים פארוואס נישט צו לערנען, איז וויכטיג יעדן טאג צו הערן נאכמאל חיזוק אויף דעם.

אויך האט דער ראש ישיבה ארויסגעברענגט די גרויסקייט פון הפצה, א בחור לייגט אראפ 'איין קארטל' אין א בית המדרש און דאס האט מקרב געווען א בחור וואס האט יעצט זוכה געווען צו ענדיגן גאנץ תלמוד ירושלמי.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן אלע לערנען תורה, און נישט אפלאזן די משניות און די גמרא א גאנץ לעבן.

## א הערליכער באזוך אין אינגל קעמפ



ערב שבת פנחס אינדערפרי האט דער ראש ישיבה אפגעשטאט א שיינעם באזוך ביי די אינגל קעמפ, אנגעהויבן האט זיך עס מיט א געשמאקע שחרית צוזאמען מיט די קינדער פון קעמפ, פון וואס דער ראש ישיבה האט זייער הנאה געהאט צו דאווענען מיט די קינדער וואס דאווענען אזוי געשמאק און לעבעדיג.

דערנאך האט מען געגעסן א פיינעם פרישטאג, דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ער האט הנאה צוזעהן די שיינע התנהגות פון די קינדער, מען רייסט נישט אויף א פעקל ברויט פון אינמיטן, נאר מען נעמט מיט דרך ארץ אזוי ווי עס דארף זיך פירן א ברסלב'ער חסיד, ווי אויך זענען די קינדער אזוי צופרידן מיט וואס מען גיבט זיי, זיי דארפן גארנישט, וואס מען גיבט זענען זיי זייער דאנקבאר.

שפעטער איז דער ראשי ישיבה אריין ביי די בַּאנק פון די קינדער און הנאה געהאט צו זעהן אז ס'איז שיין צאמגענומען און זויבער, אזוי ווי דער הייליגער רבי' האט געוואלט מיר זאל זיך פירן.

**ההרים והגבעות יפצחו לפניכם רנה**

היכל הקודש

# נייעס

אומאן

## לעצטע אפדעיטס פון פלען איט רייט איבער אומאן ראש השנה תשפ"ג



אונזער פריערדיגע באריכט פון "פלען איט רייט" איבער די פלענער פון פלייטס אנצוקומען קיין אומאן האט געהאט א געוואלדיגע אפקלאנג ביים חשוב'ן ציבור אנשי שלומינו. עס זענען כסדר געווען וועגדונגען פון אנשי שלומינו וואס האבן געבעטן מיר זאלן לאזן וויסן וואס עס זענען געווארן פון די פלענער פונעם טשארטער, און אזוי אויך אלע אנדערע טיקעט אפציעס.

מיר זענען כסדר געשטאנען אין פארבינדונג מיט די חשוב'ע טראוועל אגענטור "פלען איט רייט", וואס מיר קענען עדות זאגן וואס פאר א כוחות זיי לייגן אריין, און פרובירן דאס בעסטע צוצושטעלן פאר אנשי שלומינו, אז זאלן קענען פארן צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, מיט די מערסטע מנוחת הנפש וואס מעגליך.

יעצט ווען עס איז שוין דא פרישע באשטעטיגטע אפדעיטס, זענען מיר פרייליך זיי מיטצוטיילן מיטן ציבור.

צום ערשט דארפן מיר צו אונזער גרויס באדויער באריכטן, אז דער פלאן פונעם טשארטער דירעקט קיין ריישא און דערנאך פארן מיט'ן באן קיין אומאן איז געווארן לעת עתה געקענסעלט. דאס איז צוליב דעם וואס דער עירליין איז נישט גרייט געווען צו ריפאנדן אין פאל מען קען נישט פארן, א תנאי צו וואס "פלען איט רייט" האט זיך נישט געוואלט צושטעלן.

אבער ברוך השם עס זענען דא פילע אנדערע אפציעס וואס מען קען נעמען. צום ערשט זענען דא די אינדיווידואלע טיקעטס.

פון פלען איט רייט קומט א שטארקע רעקאמענדאציע צו פארן דורך פוילן. מען קען נעמען א פלייט קייןווארשא (12 שעה ביז אומאן), קראקא (11 שעה) און ריישא (9.5 שעה).

דערנאך איז דא דער עירפארט אין יאס, ראמעניע דער וועג קיין אומאן נעמט 7.5 שעה (דורך ראמעניע, מאלדאווע, אוקריינא) דאס הייסט אז מען גייט אריבער צוויי גרעניצן, דער וועג וואס מיידט אויס מאלדאווע נעמט 10.5 שעה.

דער לעצטער אפציע (נישט רעקאמענדירט, צוליב דער נאכגעלאזטער מצב דארט) איז קישינוב, מאלדאווע. וואס נעמט 6.5 שעה ביז אומאן.

מען קען רופן אין אפיס פון "פלען איט רייט" פאר מער אינפארמאציע איבער די אינדיווידואלע טיקעטס וואס זענען ריפאנדעבל ביז צוויי טעג פאַרן פאָרן. אזוי אויך טוט "פלען איט רייט" שטארק רעקאמאנדירן פאר די וואס נעמען די אינדיווידואלע טיקעטס צו נעמען א טיקעט אהיים דאנערשטאג נאך ראש השנה.

די נעקסטע אפציע זענען די גרופ-טיקעטס.

די מעלה פון די גרופ-טיקעטס איז אז עס קומט שוין מיט קלארע פאראויס-באשטימטע פרייזן, קראקע-פוילן איז $925; ריישא-פוילן איז $1,365, נאכדעם קען מען נעמען א טיקעט וואס פארט אריין דורך יאס-ראמעניע, און צוריק פון קישינוב-מאלדאווע פאר $1,199.

פאר די גרופ-טיקעטס דארף מען געבן א $350 דיפאזיט ביים באשטעלן, און ביז דרייסיג טעג פארן ארויספליען דארף די גאנצע באלאנץ שוין זיין אויסגעצאלט. עס איז רעפאנדעבל נאר ביז 30 טעג פארן ארויספליען (אויסער $250). און דערנאך וועט מען גארנישט קענען ריפאנדן אפילו אין פאל מ'וועט חס ושלום נישט קענען פארן.

דיסקלעימער: איבעראל ווי עס שטייט אינעם באריכט ווי לאנג עס געדויערט דער וועג קיין אומאן איז עס נאר בערך, אויך רעכענט עס נישט אריין די צייט פון ווארטן ביים גרעניץ, אזוי אויך איז עס נאר אויב מען פארט מיט א "קאר", ווייל מיט א באס נעמט עס לענגער.

עס איז מיר באשטימט אלע פון אונזערע חסידי ברסלב וועלן אויך אריבער... 

ערליכע אידן און אוודאי חסידי ברסלב ווייסן אז אלעס וואס מיר ווילן קענען מיר באקומען נאר דורך תפילה, און בפרט דער נסיעה צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, וואס דער סמ"ך מ"ם פארלייגט זיך פון אלע זייטן דאס צו שטערן, קען מען עס נאר איבערקומען דורך אסאך אסאך תפלה.



# מעשיות פון תפילה

## א אינגערמאן פון שטעטל פארציילט:

איך ארבעט מיט'ן פאררעכטן עיר קאנדישן און סטים. איין סוף וואך ווען ס'איז געקומען צו איינקויפן פאר שבת האב איך זיך דערזען אן קיין רויטן גרייצער אין טאש, איך האב זיך תיכף גענומען מיט פלייס צו טון צו דער זאך וואס א ברסלב'ער חסיד טוט ווען ער דארף עפעס אדער ווען ער האט אלעס, 'תפילה והתבודדות'.

איך בין געגאנגען אין א שטילע ווינקל און געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל האבן געלט איינצוקויפן אלע גוטע זאכן פאר שבת. עס איז נישט אריבער מער פון אפאר מינוט ווען איך באקום א טעלעפאון רוף פון א איד וואס זאגט מיר אז ער איז ארויסגעקומען אויף די בערג וויילן א שבת מיט זיין משפחה אין זיין הויז וואס ער האט נישט ווייט פון שטעטל, אנקומענדיג זעט ער אז די עיר קאנדישן אין די הויז איז צובראכן און ער דארף עס האבן פארראכטן וואס שנעלער און ער איז גרייט צו צאלן סיי וועלכע פרייז אבער עס זאל זיין וואס שנעלער.

איך בין שנעל אהין געגאנגען און געקוקט וואס דער פראבלעם קען זיין אבער איך האב עס נישט געקענט דערטאפן, האב איך זיך ווידער גענומען צו תפילה און שטילערהייט געבעטן: "הייליגער באשעפער, איך ווייס נישט וויאזוי צו פאררעכטן די עיר קאנדישן אבער דו אייבערשטער ווייסט אלעס, העלף מיר אז ס'זאל אנהייבן צו ארבעטן". ווי נאר איך האב געענדיגט מיין קורצע תפילה האט די עיר קאנדישן ווינדערליך אנגעהויבן צו ארבעטן, און דער איד האט מיר גאר שיין באצאלט.

שכח אייבערשטער.

## אלחנן זויבערמאן - ירושלים:

א) איך האב געדארפט פארן אויף שבת קיין בני ברק, כ'האב נישט געוואלט נעמען דעם באס ווייל די לעצטע באס פארט ווען איך ארבעט נאך און כ'האב נישט געהאט נישט קיין קאר און נישט קיין GPS אויך נישט קיין קאר סיעט פאר בעיבי'ס. כ'האב געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל מיר שאפן א קאר, א GPS מיט'ן קינדער זיץ.

מיין חבר האט מיר געוואלט געבן זיינס פאר 350 שקל אבער ס'איז געווען צו סאך געלט פאר מיר, למעשה האב איך גערעדט מיט מיין בעל הבית וואו איך ארבעט און אים געזאגט אז איך גיי בלייבן גערן אין געשעפט ביז'ן שפארן אבער ער זאל וויסן אז איך פארפאס מיין לעצטן באס קיין בני ברק, און איך מוז ארויס נעמען א קאר און ס'קאסט אסאך געלט. האט ער מיך צוגעזאגט אז ער וועט מיר העלפן, איך האב געוואוסט אז ער קען מיר נישט העלפן נאר דער אייבערשטער קען, האב איך ווייטער געבעטן איך זאל האבן א קאר. שכח אייבערשטער אז איך האב געהאט א קאר. גייענדיג צום קאר האב איך שוין געטראפן איינעם מיט א GPS. אנקומענדיג האט מיר מיין ברודער געקלונגען זאגן אז ער האט פאר מיך די קינדער זיץ. שכח אייבערשטער.

ב) פארנדיג צוריק קיין ירושלים נאך שבת זעה איך ווי די געז גייט מיך אויסגיין אינמיטן די הייוועי וואו ס'איז נישט דא קיין גאז סטאנציע אין דעם געגענט פאר א לאנגע צייט. האב איך געבעטן דער אייבערשטן אז די קאר זאל ציען ביז איך קום אן צו א גאז סטאנציע און כ'האב צוגעזאגט אז וועל עס מפרסם זיים אינעם בלעטל. שכח אייבערשטער אז די קאר האט אנגעצויגן אפאר צענדליגע קילאמעטער בערך 15 - 20 מייל!

שכח אייבערשטער.

**סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.**

שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ"ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשׁ"פ לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעוואוֹינְט אוֹיפְ'ן גַאס וואו עֶס הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען דֶער מַארְק, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעהַאלְטְן דִי פֶּענְסְטֶער אוּן דִי פִּירְהַאנְג פַארְמַאכְט אוּן עֶר אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם פֶּענְסְטֶער קוּקְן וָואס טוּט זִיךְ אִין גַאס. אֵיינְמָאל זִיצְנְדִיג אִין שְׁטוּבּ בִּשְׁעַתְ'ן שְׁרַייבְּן חִידוּשֵׁי תּוֹרָה הָאט עֶר גֶעהֶערְט הוֹיכֶע קוֹלוֹת פוּן גַאס - מֶער וִוי גֶעוֶוענְלִיךְ, הָאט עֶר אַרָאפּ גֶעלֵייגְט דֶעם פֶּעדֶער אוּן גֶעוָואלְט גֵיין קוּקְן וָואס עֶס גֵייט פָאר, וֶוען עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט צוּ גֵיין קוּקְן, הָאט עֶר אָנְגֶעכַאפְּט דֶעם טִישׁ אוּן גֶעזָאגְט צוּ זִיךְ אַלֵיין: "**נָתָן נָתָן... אֵיין קוּק וֵוייניגֶער אוֹיף דִי וֶועלְט - אִיז פָּארְט בֶּעסֶער**", אוּן עֶר הָאט זִיךְ צוּרִיק אַרָאפּ גֶעזֶעצְט.

וֶוען דוּ גֵייסְט אִין גַאס אוּן דוּ הָאסְט אַ נִסָיוֹן צוּ קוּקְן - זָאלְסְטוּ זִיךְ דֶערְמַאנֶען דֶעם וָוארְט וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "אֵיין קוּק וֵוייניגֶער אוֹיף דִי וֶועלְט - אִיז פָּארְט בֶּעסֶער"; אֵיין קוּק וֵוייניגֶער אִיז אַ בְּרֵי וֵוייניגֶער פַאר דִי נְשָׁמָה.

"**חֲזַק חֲזַק וְנִתְחַזֵּק!**" אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט קֶענֶען מִיט זָאגְן דִי וָואךְ שַׁבָּת בַּיי קְרִיאַת הַתּוֹרָה מִיטְ'ן גַאנְצְן עוֹלָם: "חֲזַק חֲזַק וְנִתְחַזֵּק"; אַז מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגוּם, וֶוען עֶס קוּמְט סוֹף סֵפֶר זֶעט מֶען וָואס מֶען הָאט אִין דִי הַאנְט, מֶען הָאט נָאךְ אַ סֵפֶר פוּן דִי חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה; וֶוען מֶען פְרֶעגְט: "חֲמִשָּׁה מִי יוֹדֵעַ?" קֶען מֶען עֶנְטְפֶערְן: "חֲמִשָּׁה אֲנִי יוֹדֵעַ", אִיךְ הָאבּ חוּמָשׁ אִין דִי הַאנְט.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# א שיחה

## פון דער ראש ישיבה שליט"א



## טוּישְׁן דִי לְבוּשׁ?

אַ בְּרֶסְלְבּ'עֶר אִיד וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ חַבַּ"ד'סְקֶער חָסִיד הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיבּ עֶר דַארְף זִיךְ אָנְהֵייבְּן פִירְן אַנְדֶערְשׁ וִויאַזוֹי עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט בִּיז יֶעצְט, הָאט אִים דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעעֶנְטְפֶערְט: חַבַּ"ד זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען בְּשָׁלוֹם מִיט בְּרֶסְלֶב אוּן מֶען הָאט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקְרִיגְט; דֶער רֶבִּי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר נָאנְט מִיטְ'ן הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. אָנְגֶעהוֹיבְּן הָאט זִיךְ דָאס וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט פַארְ'ן צַדִיק רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז וֶוען עֶר וֶועט צוּרִיק אַהֵיים פָארְן וֶועט עֶר גְלַייךְ גֵיין צוּם בַּעַל הַתַּנְיָא מַאכְן שָׁלוֹם צְווִישְׁן זֵיי, אוּן אַזוֹי הָאט דֶער רֶבִּי גֶעטוּן; גְלַייךְ וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּרִיק, נָאךְ אֵיידֶער עֶר אִיז אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען אִיז עֶר גֶעפָארְן צוּם בַּעַל הַתַּנְיָא אוּן עֶר אִיז דָארְט אוֹיפְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן מִיט אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה (עַיֵין פְּעוּלַת הַצַדִיק, סִימָן רסד; שיח).

אוֹיךְ אִיז דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעקוּמֶען אוֹיף אַ שַׁבָּת צוּם רֶבִּי'ן (שַׁבָּת פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, שְׁנַת תק"ע). וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען נָאנְט צוּם שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב אִיז דֶער רֶבִּי אַרוֹיס גֶעפָארְן מִיט אַסַאךְ תַּלְמִידִים אִים מְקַבֵּל פָּנִים זַיין, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט וְכוּ' (עַיֵין פְּעוּלַת הַצַדִיק, סִימָן תתצב).

וֶוען עֶס אִיז גֶעוָוארְן דִי מַחְלוֹקֶת אוֹיפְן רֶבִּי'ן הָאט דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין נִישְׁט וִוי דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען מְחַזֵּק רֶבִּי נַחְמָן, נָאר אִיךְ מִיט אִים זֶענֶען אֵיינְס, **וֶוער עֶס טְשֶׁעפֶּעט רֶבִּי נַחְמָן טְשֶׁעפֶּעט מִיר וְכוּ'**".

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז מֶען דַארְף נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי אַלְטֶע וֶועג וְכוּ', מֶען קֶען זַיין בֵּיידֶע אִינְאֵיינֶעם. בְּלַייבּ אוֹיפְן וֶועג וִוי דוּ אוּן דַיין מִשְׁפָּחָה גֵייעֶן, דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי הִתְחַזְּקוּת אוּן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, בִּפְרַט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת - זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ.



# א מַעֲשֶׂה
## פוּן א צַדִיק

### אַ אִישׁ אֱמֶת

דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בַּעַל "דִבְרֵי חַיִּים" אִיז אַמָאל גֶעפָארְן צוּ דִי שְׁטָאט אוּנְגְוַואר, וָואס דָארְטְן אִיז גֶעוֶוען דֶער גְרוֹיסֶער גָאוֹן אוּן צַדִיק דֶער מַהֲרַ"ם אַ"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט מְכַבֵּד גֶעוֶוען דֶעם הֵיילִיגְן צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ עֶר זָאל זָאגְן אַ דְרָשָׁה, אוּן עֶר הָאט אַוַודַאי גֶעזָאגְט אַ גְרוֹיסְן דְרוּשׁ מִיט טִיפֶע פִּלְפּוּלִים, אוּן דֶער גְרוֹיסֶער גָאוֹן דֶער מַהֲרַ"ם אַ"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַלְץ מְבַטֵל גֶעוֶוען זַיין דְרָשָׁה אַז סְ'אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן.

דֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אִים נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט, וַוייל סְ'אִיז גֶעוֶוען בָּרַבִּים הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט עֶנְטְפֶערְן כְּדֵי סְ'זָאל נִישְׁט זַיין קַיין פְּגַם אִינֶעם כָּבוֹד פוּן דֶעם מָרָא דְאַתְרָא, סְ'אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁוִויגְן.

וֶוען זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעזֶעגְנְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער מַהֲרַ"ם אַ"שׁ גֶעשִׁיקְט זַיין זוּן בַּאגְלֵייטְן דֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק דֶעם צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ לִכְבוֹדוֹ. אוֹיפְן וֶועג זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פַארְן זוּן, "זָאג דַיין טַאטְן עֶר זָאל נָאכְקוּקְן דָא אוּן דָא אוּן דָא," - עֶר הָאט אִים צוּגֶעצֵייכְנְט מַרְאֶה מְקוֹמוֹת - "וֶועט עֶר זֶען אַז אִיךְ בִּין יָא גֶעוֶוען גֶערֶעכְט." - עֶר הָאט אִים נִישְׁט גֶעוָואלְט מְבַייֵשׁ זַיין בָּרַבִּים, וָוארוּם עֶר אִיז דָאךְ דֶער מָרָא דְאַתְרָא אוּן דֶער וֶועלְט'ס בַּארִימְטֶער גָאוֹן.

וֶוען דֶער זוּן אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען צוּם טַאטְן הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט, "טַאטֶע, דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מִיר אָנְגֶעצֵייכְנְט דִי אוּן דִי מַרְאֶה מְקוֹמוֹת". אוּן דֶער מַהֲרַ"ם אַ"שׁ הָאט אַוַודַאי נָאכְגֶעקוּקְט דִי מַרְאֶה מְקוֹמוֹת, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב אִיז גֶעוֶוען גֶערֶעכְט אוּן עֶר הָאט זִיךְ טוֹעֶה גֶעוֶוען.

אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ הֵיילִיגֶער מֶענְטְשׁ, הָאט עֶר צַאמְגֶערוּפְן דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיי דִי דְרָשָׁה, אוּן הָאט זֵיי גֶעזָאגְט, "רַבּוֹתַי! אִיר זָאלְט וִויסְן אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ טוֹעֶה גֶעוֶוען. דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען גֶערֶעכְט", אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְצוּרֶעכֶענֶען דִי אַלֶע מַרְאֶה מְקוֹמוֹת וָואס עֶר הָאט אִים צוּגֶעצֵייכְנְט.

דָאס הֵייסְט אַן אִישׁ אֱמֶת וָואס עֶר אִיז מוֹדֶה אַז עֶר הָאט זִיךְ טוֹעֶה גֶעוֶוען. וִוידֶערוּם דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב הָאט אִים נִישְׁט גֶעוָואלְט מְבַטֵל זַיין בָּרַבִּים.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן צַדִיק מוּזְן זִיךְ הַאלְטְן צֶעזַאמֶען אוּן זִיךְ מְחַזֵק זַיין, וָואס דָאס אִיז דִי יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת, אוֹיבּ מֶען הַאלְט זִיךְ צֶעזַאמֶען מִיט לִיבְּשַׁאפְט וֶועט מֶען הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה, אוּן אוֹיבּ מֶען זוּכְט חִסְרוֹנוֹת בַּיי יֶענֶעם וֶועט מֶען הָאבְּן אַ דוּרְכְפַאל.

(ספר אשר בנחל חלק א׳)



# דעם רבי'נס נסיעה

## קיין ארץ ישראל

קאפיטל 41

**פארזעצונג פון פריער:** פְרַייטָאג, י״ד נִיסָן, אִיז דֶער רֶבִּי אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי שְׁטָאט רַאדִישׁ. זֵיי הָאבְּן אָפְּגֶערָאכְטְן בֵּיידֶע סְדָרִים אוֹיפְ'ן שִׁיף. מָאנְטָאג, דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג חול הַמּוֹעֵד, אִיז דֶער חָכָם אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען מִיט צְוֵויי גְבִירִים צוּם קַאפִּיטַאן אוּן אִים גֶעזָאגְט, ״גֶעבּ אוּנְז דִי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן״. דֶער קַאפִּיטַאן הָאט אָבֶּער גֶע'טַעֲנָה'ט, ״וָואס הָאט אִיר מִיט דִי מֶענְטְשְׁן? אִיךְ הָאבּ זֵיי בַּאקוּמֶען פוּן הֶפְקֵר״. לְמַעֲשֶׂה הָאט מֶען זֵיי גֶערַאטֶעוֶועט מִמָּוֶת לְחַיִּים פוּן דִי הֶענְט פוּן דִי גַזְלָנִים.

...

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מִיט זַיין בַּאגְלֵייטֶער ר' יִצְחָק זֶענֶען בֵּיידֶע אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט, בַּיים אַרַיינְקוּמֶען אִין שְׁטָאט הָאט דִי אַרַאבֶּער זֵיי חוֹשֵׁד גֶעוֶוען אַלְס שְׁפִּיאָנֶען, דִי אָרְטִיגֶע סְפַרְדִ'ישֶׁע אִידְן הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, אוּן זֵיי הָאבְּן גְלַייךְ גֶעבְּרֶענְגְט זֵייעֶרֶע סָארְט קְלֵיידֶער, זֵיי הָאבְּן עֶס גֶעגֶעבְּן פַארְ'ן רֶבִּי'ן אוּן ר' יִצְחָק אָנְצוּטוּן, אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט אוֹיסְזֶען אוֹיפְפַאלְנְד.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס צַעַר פוּן דֶעם, ר' יִצְחָק הָאט אָבֶּער גֶעלַאכְט. דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען בְּרוֹגֶז אוֹיף אִים אוּן גֶעזָאגְט, ״דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וָואסֶערֶע קִטְרוּג סְ'אִיז דָא אוֹיף אוּנְז אוֹיבְן אִין הִימְל״. דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאךְ פַאר ר' יִצְחָק, עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעוָואלְט אוֹיסְזָאגְן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעדַאנְקְט אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע נִסִּים אַז עֶר אִיז גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן.

גְלַייךְ וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט, הָאבְּן דִי אָרְטִיגֶע חֲכָמִים אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען זֵייעֶר שֵׁיין, זֵיי הָאבְּן אִים גֶעהַאלְטְן פַאר אַ גְרוֹיסֶער חִידוּשׁ, אוּן מְ'הָאט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק מְכַבֵּד גֶעוֶוען בִּיז נָאךְ יוֹם טוֹב.

דִי שְׁטָאטִישֶׁע אִידְן הָאבְּן גֶעצָאלְט דִי צְוֵויי הוּנְדֶערְט טָאלֶער פוּן זֵייעֶר אֵייגְן טַאשׁ, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט צוּרִיק נֶעמֶען דָאס גֶעלְט פוּן רֶבִּי'ן, כָּאטְשׁ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט דָארְט אַסַאךְ גֶעלְט.

נָאךְ פֶּסַח הָאבְּן זֵיי גֶעדִינְגֶען אַ שִׁיף קַיין אִיסְטַאנְבּוּל, אוּן זֵיי הָאבְּן מִיטְגֶעגֶעבְּן אַ בְּרִיוו מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, אַז אוֹיבּ וֶועט זִיךְ מַאכְן עֶפֶּעס פְּרָאבְּלֶעמֶען אוֹיפְ'ן וֶועג חַס וְשָׁלוֹם, זָאל מֶען זֵיי אַרוֹיסְהֶעלְפְן אִין יֶעדֶע שְׁטָאט וואוּ זֵיי קוּמֶען נָאר אָן.

זֵיי זֶענֶען אַרוֹיף אוֹיפְ'ן שִׁיף אוּן גֶעפָארְן קַיין אִיסְטַאנְבּוּל, דִי שִׁיף אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט אַסַאךְ גְרֶעקְן אוּן אַסַאךְ פוּן זֵיי זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן אוֹיפְ'ן שִׁיף. זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס דִי מַעֲשֶׂה אִיז, סְ'אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען דָארְט אַן עֶפִּידֶעמְיֶע רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט מִיט זֵיי נִסִּים אַז סְ'אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער שְׁטוּרֶעם ווִינְט אוֹיפְ'ן יַם, אוּן סְ'הָאט גֶעטְרָאגְן דִי שִׁיף זֵייעֶר שְׁנֶעל קַיין אִיסְטַאנְבּוּל. זֵיי הָאבְּן טַאקֶע גֶעהַאט יִסוּרִים פוּן דֶעם, פוּן דִי ווִילְדֶע כְוַואלְיֶעס אוּן וַוייל דִי שִׁיף אִיז גֶעפְלוֹיגְן אַזוֹי שְׁנֶעל, פוּן דֶעסְט וֶועגְן אִיז דָאס אָבֶּער גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה פַאר זֵיי, וַוייל אַזוֹי זֶענֶען זֵיי שְׁנֶעל אָנְגֶעקוּמֶען קַיין אִיסְטַאנְבּוּל בִּיז דְרֵיי טָאג.



בית הכנסת האשכנזי אין איסטאנבול, טערקיי

אִינְמִיטְן וֶועג, זַייעֶנְדִיג אוֹיפְ'ן שִׁיף אוֹיפְ'ן וֶועג קַיין אִיסְטַאנְבּוּל, הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט דָארְט אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אַרַיינְגֶעקוּקְט דֶערִין. אָנְקוּמֶענְדִיג צוּ מַסֶכֶת סוֹטָה פֶּרֶק ה' מִשְׁנָה ב', בַּיי דִי מִשְׁנֶה ״אָמַר רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ, מִי יְגַלֶּה עָפָר מֵעֵינֶיךָ רַבִּי יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי, שֶׁהָיִיתָ אוֹמֵר עָתִיד דוֹר אַחֵר וְכוּ׳״, אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוָוארְן זֵייעֶר צוּפְלַאמְט, עֶר הָאט גֶעקְלַאטְשְׁט אוּן גֶעזָאגְט, ״וֶועט זֶעט נָאךְ אַזוֹי ווִי מִיר? עֶס אִיז מִיר אַנְטְפְּלֶעקְט גֶעוָוארְן דָא עֶפֶּעס אִין דִי מִשְׁנֶה״, עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעוָואלְט אוֹיסְזָאגְן וָואס.

אֵיין זַאךְ הָאט עֶר אוֹיסְגֶעזָאגְט פַאר ר' יִצְחָק, אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וָואס דִי תַּנָּאִים אוּן אֲמוֹרָאִים הָאבְּן נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען. דֶערְנָאךְ הָאט עֶר נָאךְ גֶערֶעדְט מִיט ר' יִצְחָק גָאר גְרוֹיסֶע אוּן וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכְן, עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעוָואלְט אוֹיסְזָאגְן וָואס זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט אִים אָנְגֶעזָאגְט נִישְׁט אוֹיסְצוּזָאגְן.

פארזעצונג קומענדיגע וואך אי״ה



## א סעודה

# מיט'ן ראש ישיבה

## שבת אינדערפרי בלק תשפ"ב

**בערל שניטצלער פארציילט:** ברוך השם איך האב געהאט די זכי' צו עסן א סעודה ביים ראש ישיבה שליט"א שבת אינדערפרי פרשת בלק אינדערפרי, איך וועל אביסל אפשרייבן וואס איך האב מיטגעהאלטן פון דעם שיינעם סעודה, עס איז זיכער דא נאך שיינע נקודות וואס מען קען ארויסנעמען פון איין סעודה, אבער איך וועל שרייבן וואס איך געדענק.

### גוט שבת

ווען דער ראש ישיבה איז אהיים געקומען האט דער ראש ישיבה הויך אויסגעשריגן פרייליכערהייט: "א גוט שבת", און דער ראש ישיבה האט געטיילט פלעצער פאר יעדן וואו צו זיצן.

איינע פון די קינדער האבן זייער שטארק געוויינט, און דער ראש ישיבה האט געזאגט זייער שטרענג: "אין די הויז קען מען נישט וויינען! אויב מ'וויינט גייט מען אין פארטש!" און ער האט אויפגעהערט וויינען.

### אויפהייבן די בעכער

מען האט אנגעהויבן די סעודה, דער ראש ישיבה האט געפרעגט די קינדער: "ווער גייט היינט אויפהייבן די בעכער?" און אלע קינדער האבן אויסגעשריגן: "איך!" דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן: "היינט וועט דער חתן אויפהייבן די בעכער". ס'איז מיר געווען אינטערעסאנט צו זען וויאזוי מען קען יעדע חלק פון די סעודה מאכן אינטערעסאנט, ווי למשל ווער ס'זאל אויפהייבן די בעכער.

נאך קידוש האט דער ראש ישיבה אנגעגאסן פאר יעדן אביסל גרעי"פ דזשו"ס, און דער ראש ישיבה האט געזאגט: "זייטס מיר מוחל, איך גיי מיך נישט אויפשטעלן פאר ענק, ווער עס וויל קען אליינס נעמען זיין גרעי"פ דזשו"ס".

### קינדער האבן שיין געדאווענט

דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו זיין ווייב: "האסט אריינגעקוקט פון ווייבער שול? האסט געזען ווי שיין די קינדער האבן געדאווענט?" די קינדער האבן זיך זייער געפרייט צו הערן אז מ'האט הנאה געהאט פון זייער דאווענען.

דער ראש ישיבה האט געוואשן אלע זיינע קינדער און אויפגעשניטן די חלה, און דער ראש ישיבה האט זיכער געמאכט אז יעדער באקומט א חלה, דערנאך האט דער ראש ישיבה געהייסן איינע פון די קינדער אריינצוברענגען די פיש.

### זאל מען נעמען געלט פון די שטאט?

ביים סעודה האט דער ראש ישיבה פארציילט: איך האב געהאט א שמועס מיט א אינגערמאן און ער פארציילט מיר אז מ'האט אים פארגעשלאגן ער זאל איינגעבן פאר די שטאט אז זיין זון קען נישט איינשלאפן ביינאכט - וועגן קאוויד, וואס מען קען פון דעם באקומען צוויי טויזנט דאלער א חודש; ער האט מיך געפרעגט אויב ער מעג עס טון. איך האב אים געענטפערט: "איך ווייס נישט. פו"ד סטעמפ"ס טיילט די שטאט צו קענען קויפן עסן, סעקש"ן 8 איז פאר א הויז, וואוטשער"ס איז צו קענען צאלן שכר לימוד, אבער סתם גנב'נען געלט פון די שטאט?..."

מ'האט אנגעהויבן שמועסן וועגן סעקשן 8, איז מען אריינגעפארן אין א שמועס פון הייזער אין שטעטל. דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן: "מ'ארבעט יעצט אויף א נייע פלאן, מ'גייט בויען קלענערע הייזער, איין דירה צוטיילט אויף צוויי שטאק, טויזנט סקוועי"ר פיס א שטאק, ווייל פרייזן גייען זייער שטארק ארויף, איך וויל נישט מ'זאל אויסבלוטיגן, מ'דארף קענען צאלן מארגעדזי"ש יעדן חודש".

<<<<

ס'איז מיר געווען א געוואלדיגע לימוד צו זען ווי אינמיטן האט דער ראש ישיבה אינזין געהאט צו אנגיסן א גלאז גרעי"פ דזשו"ס מיט סעלצער פאר זיין ווייב.

דערנאך האט מען געזינגען זמירות - אסדר לסעודתא און חי ה'.

**וואוינסט טאקע אין שטעטל?**

נאכן זינגען האט דער ראש ישיבה געזאגט: "יעדער זאל עפעס איבערזאגן וואס ער האט געהערט ביים קידוש ווען מען האט פארגעלערנט סיפורי מעשיות". דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן וואס מען האט גערעדט און געזאגט: "מ'האט גערעדט אז מ'קען וואוינען אין שטעטל, אבער אויב מען רעדט נישט צום אייבערשטן, מ'לערנט נישט יעדן טאג תורה, האט מען גארנישט מיט די שטעטל! עס דא אסאך משפחות וואס וואוינען אין שטעטל און זיי האבן גארנישט מיט די שטעטל, זיי זענען אידישע נשמות וואס זענען אוועק געפאלן פון אידישקייט, זיי פירן זיך נישט אידיש; ווי למשל משפחת גרינפעלד וואס וואוינט נעבן אליעזר שמן נרו יאיר, משפחת שווארץ וואס וואוינט נעבן העניך אינדיג נרו יאיר, משפחת זאלצמאן, אבער זיי האבן גארנישט מיט די שטעטל!..."

**נישטא קיין טשולנט**

דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן: "היינט איז נישטא קיין טשולנט, ווייל איך האב געוואלט אנשטעלן די זייגער עס זאל זיך אויסלעשן צוויי אזייגער בייטאג, למעשה האב איך עס אנגעשטעלט פאר צוויי אזייגער אינמיטן נאכט... ס'איז געווען ווייטער זייער א פרייליכע סעודה, און קיינער ביים טיש האט זיך נישט גערעגט וועגן דעם. דער ראש ישיבה האט איבערגעבעטן זיין ווייב זי זאל נישט זיין ברוגז אז עס איז נישטא קיין טשולנט".

מ'האט ווייטער געזינגען ברוך ה' יום יום, און ברוך קל עליון.

**אייסעס אייסעס**

נאכדעם האט דער ראש ישיבה געוואלט אריינברענגען זיינע קינדער צו די סעודה, האט דער ראש ישיבה אויסגעשריגן זייער הויך: "אייסעס! אייסעס!", און אלע קינדער זענען געקומען צו לויפן... און דער ראש ישיבה האט זיי געזאגט: "קודם דארף מען טאנצן". דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן זינגען 'יום זה מכובד' זייער לעבעדיג, און דער ראש ישיבה האט געמאכט א טשו-טשו-טרעין מיט אלע זיינע קינדער, פון די יונגסטע ביז די עלטסטע, און מ'האט ארום געטאנצן די גאנצע שבת שטוב.

**דאס איז אונזער פעסטעוואל... אונז האבן א שבת ביינאכט פעסטעוואל, א שבת צופרי פעסטעוואל, א מוצאי שבת פעסטעוואל... מ'דארף האבן א קלער"ד שור"ט ס'צאל הייסן א געהעריגע פעסטעוואל?**

נאכדעם האט מען געזינגען: "אמאל בין איך געגאנגען אין די ליכטיגע גאסן האב איך געטראפן א איד, האב איך אים געגעבן שלום עליכם האט ער געשריגן ס'איז גוט... אוי ווי גוט צו זיין א איד... אמאל בין איך געגאנגען אין די טונקעלע גאסן האב איך געטראפן א גוי, האב איך אים געגעבן פאטש אין פנים האט ער געשריגן אוי... אוי ווי שלעכט צו זיין א גוי..." דער ראש ישיבה האט אריינגעשטעקט צוויי אייסעס אין זיין שטריימל, און ס'איז געווען משונה פרייליך...

נאכדעם האט מען אנגעהויבן טיילן אייסעס, און דער ראש ישיבה האט געזאגט: "ווער ס'האט א מעשה פון תפלה קען האבן א אייסעס". ווען דער ראש ישיבה האט געטיילט אייסעס האט דער ראש ישיבה'ס זון יוסף געפרעגט אלע קינדער: "וואס האסטו ליב?" האבן זיי געענטפערט: "דעם אייבערשטן!" "וואס איז מיט אייסעס?" "מ'עסט עס!" "ווער איז די "מע"?" "איציק!"...

<<<<

אלע האבן געלאכט.

יוסף'ס מלמד האט אויך דארט געזעסן, און ער האט געפרעגט זיין רבי: "וואס האסטו ליב?"... און דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר יוסף: "דו קענסט נישט פרעגן דיין רבי, דיין רבי דארף דיך פרעגן!"...

דער ראש ישיבה האט געפרעגט זיין זון'ס מלמד: "יוסף איז וואויל אין חדר?" האט ער געענטפערט יא, האט דער ראש ישיבה געפרעגט: "ער איז עכט וואויל, אדער ווייל דו זיצט דא דארפסטו ענטפערן יא?... מ'קען זען אויף אים אז ער איז דער ראש ישיבה'ס זון?"...

נאכן ענדיגן עסן די אייסעם האט דער ראש ישיבה געפרעגט: "זאל מען קודם בענטשן אדער קודם אריינברענגען די נאש?" און דער ראש ישיבה האט געענטפערט: "מ'וועט קודם בענטשן און נאכדעם וועט מען אריינברענגען די נאש, אזוי וועט מען קענען מאכן נאך און נאך ברכות".

### שבת פעסטעוועל

נאכן בענטשן האט מען אריינגעברענגט די נאש, און דער ראש ישיבה האט געזאגט: "דאס איז אונזער פעסטעוועל... אונז האבן א שבת ביינאכט פעסטעוועל, א שבת צופרי' פעסטעוועל, א מוצאי' שבת פעסטעוועל... מ'דארף האבן א קאלער"ד שור"ט ס'זאל הייסן א געהעריגע פעסטעוועל? (דער ראש ישיבה האט געוויזן אויף זיין פעפעטע הויזן) קוק איך האב א קאלער"ד שור"ט"...

### פעסטעוועל ניגון

איינע פון די אנוועזנדע האבן פארציילט וועגן עפעס א זינגער וואס האט נארוואס ארויס געגעבן א ניגון פון א פעסטעוועל, האט זיך דער ראש ישיבה אנגערופן: "איך ווייס נישט וואס האט פאסירט מיט אים, ער איז נעבעך אינגאנצן משוגע געווארן, פשוט כמשמעו". נאכדעם איז דורך געגאנגען דער ראש ישיבה'ס זון מענדל, און דער ראש ישיבה האט געזאגט: "ער איז די כשר'ע מענדל רוטה"...

### נייע סידור

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז: "חיים מאיר ערפס נרו יאיר האט מיר געזאגט א סורפרייז, אז מ'גייט שוין כמעט ארויסגעבן א נייע אלבום אזוי ווי די סידור פון "איך דארף נישט קיינעם".

נאכדעם האט דער ראש ישיבה געזינגען אסאך ניגונים פון "טאנץ מיט אמונה 4", אינמיטן האט דער ראש ישיבה געזינגען: "איך בין אזוי נערוועז, איך בין א מענטל קעיס, איך בין א לאזער לכאורה"... און איינע פון די קינדער האבן געזינגען: "איך בין א פענסל קעיס..." און יעדער האט געלאכט, און דער ראש ישיבה האט געזאגט: "מ'קען עס אריינשיקן צו די בלעטל, חכמה'לעך פון קינדערלעך"...

ביים סוף האט דער ראש ישיבה געגריסט יעדן איינעם א פרייליכן "גוט שבת".

ש'כח אייבערשטער פאר אזא שיינע סעודה וואס איך האב געהאט די זכי' מיטצוהאלטן.

איך האף דער עולם וועט ארויסנעמען שיינע זאכן סיי וויאזוי מען קען פירן א סעודה מיט קינדער, ווי אויך עצות אין לעבן וויאזוי זיך צו פירן אין יעדן מצב, אפילו למשל ווען די שבת זייגער פון די טשולנט האט זיך אויסגעלאשן!

אויך קען מען זיך אויסלערנען אז קינדער קען מען מאכן פרייליך מיט א פרייליכע געשמאקע שבת'דיגע סעודה, און דאס איז זייער פעסטעוועל. מען דארף נישט מאכן עפעס גאר אויסערגעווענטליך כדי די קינדער זאלן זיין פרייליך און צופרידן.

קינדער קען מען מאכן פרייליך מיט א פרייליכע געשמאקע שבת'דיגע סעודה, און דאס איז זייער פעסטעוועל. מען דארף נישט מאכן עפעס גאר אויסערגעווענטליך כדי די קינדער זאלן זיין פרייליך און צופרידן.

# נקודות טובות

געהערט פון אנשי שלומינו

## בליצן און נאטיצן אויפן לעבן צו ניצן

### דוד ניישטיין דערציילט:

פאראנגאנגענע וואך פרשת בלק איז געקומען אין קעמפ א אינגערמאן פון די ערשטע תלמידים פונעם ראש ישיבה ר' שאול גאנץ נרו יאיר, האט ער דערציילט פאר'ן ראש ישיבה אז איידער ער איז אריינגעקומען אין ישיבה האט ער געלערנט אין א ישיבה אין ארץ ישראל, און האט דארט געלערנט בהתמדה רבה אויפ'ן סדר דרך הלימוד פונעם רבי'ן.

אבער די חילוק פון ווען ער האט געלערנט אויפ'ן דרך הלימוד אין ארץ ישראל צו ווען ער איז שוין געווען אין ישיבה איז געווען, ווען ער האט געלערנט אין ארץ ישראל און ער האט געהאט חלישת הדעת האט ער נישט געהאט פון ווי צו נעמען חיזוק, אבער ווען ער איז אריינגעקומען אין ישיבה האט ער יעדע מאל ווען ער האט געהאט קאפ דרייעניש וועגן דעם דרך הלימוד - גלייך געהאט דער ראש ישיבה וואס זאל אים אויסקלארן זיין קאפ, ארויסברענגענדיג ווי וויכטיג ס'איז זיך צו דרייען אין גוטע סביבה.

### משה מאסרי דערציילט:

דער ראש ישיבה האט גערעדט ביי די באטע שבת בלק אז איינער וואס רעדט ניבול פה איז אזוי ווי א שלאנג, וואס דער שלאנג האט גארנישט פון זיין בייסן, ווייל זינט דער שלאנג האט געזינדיגט ביים עץ הדעת האט אים דער אייבערשטער געשאלטן אז ער וועט שפירן א טעם פון זאמד אין סיי וואס ער עסט נאר, אזוי אויך דער וואס רעדט ניבול פה האט אויך גארנישט פון זיין רעדן.

האט דער ראש ישיבה צוגעלייגט א שיין ווארט; ווען א מענטש זעט א שלאנג פאר די אויגן קען ער נישט סתם אזוי אנטלויפן, ווייל דער שלאנג איז סאך מער געשיקט פון א מענטש, נאר דער מענטש דארף טרעפן א וועג מיט חכמה ווי אזוי זיך ארויסצודרייען פונעם שלאנג.

דאס זעלבע איז ווען איינער קומט צו דיר רעדן ניבול פה וועט נישט אלעמאל העלפן אז דו וועסט אים אנשרייען אדער אנטלויפן, נאר צומאל דארף מען טראכטן מיט חכמה ווי אזוי זיך ארויסדרייען פון אים.

### ישראל שלום זעלקאוויטש זאגט:

אזוי ווי עס איז דא "נקודות טובות" וואס מען דארף זוכן ביי א מענטש גוטע זאכן אפילו קלייניקייטן, דאס זעלבע איז דא ביי די סטרא אחרא, דער יצר הרע טרעפט קליינע "נקודות רעות" וואס דאס שפילט ער אויף פאר'ן מענטש כדי אים צו צוברעכן.

דאס האט בלק געזאגט פאר בלעם לאמיר גיין צו א פלאץ וואס מיר וועלן קענען זוכן און טרעפן קליינע זאכן וואס זענען שלעכט ביי כלל ישראל און מיט דעם וועט מען אפשר קענען שעלטן די אידן, אפס קצהו תראה וכולו לא תראה לאמיר גיין אויפשפילן די קליינע נקודות רעות פון כלל ישראל און דאס אויפבלאזן.

קען זיין דאס איז וואס דער רבי זאגט אז ער האט א שווערע ארבעט ער דארף זיך שלאגן מיט בלק און בלעם.

### זושא פריעדמאן דערציילט:

מנשה איצקאוויטש האט פארגעלערנט ביי שלוש סעודות אין מחנה אילן החיים; האט ער דערמאנט די רש"י אז די ארון האט גראד געמאכט אלע בערג חוץ הר נבו, הר סיני און הור ההר, צו וויזן אז די דריי זאכן מוזן בלייבן ווייל דאס זענען די עיקרים אין אידישקייט: 'הר סיני' וואס

דאס איז די תורה, ׳הר נבו׳ ווי משה רבינו איז באערדיגט, דאס איז דער צדיק, (ווי אויך די ציון פונעם צדיק) און ׳הור ההר׳ דאס איז אהרן וואס זיין גאנצע זאך איז געווען שלום בית, מען דארף האבן תורה די דרך הלימוד, דער צדיק וואס לערנט אונז אלע שיינע לימודים, און שלום בית, ווייל נאר אזוי קען מען זיין א ערליכער איד.

### אלי׳ פערל זאגט א שיין ווארט:

דער ראש ישיבה האט דערמאנט ביי א שיעור די גמרא אז אויב זענען די פריערדיגע צדיקים פארערכנט אזוי ווי מענטשן זענען מיר אזוי ווי אייזלען.

דער אור החיים הקדוש זאגט אז בלעם האט געדארפט רעדן דריי מאל צו זיין אייזל ביז עס האט זיך אין אים אנטוויקלט א נייע בריאה וואס דאס איז די חוש פון רעדן.

לויט דעם האט ר׳ אלי׳ מחדש געווען א שיין פשט, אזוי ווי מיר זענען דאך פארערכנט ווי אייזלען, איז כדי עס זאל זיך אין אונז אנטוויקלען די חוש פון רעדן צום אייבערשטן מוזן מיר עס הערן נאכאמאל און נאכאמאל כסדר נאך א שיעור און נאך א שיעור כדי אז ׳מיר אייזלען זאלן שוין עפענען דאס מויל׳ און אנהייבן רעדן צום אייבערשטן.

### ישראל קרויס דערציילט:

ס׳האט מיר זייער באנומען ביי א שיעור ווען דער ראש ישיבה האט פארגעלערנעט די מעשה פון רב ובן יחיד, ווען אינמיטן וועג האבן זיי געטראפן דעם סוחר וואס האט אזוי אומוועלנדיג, אן קיין זייטיגע אינטערעסע געזאגט פאר דעם טאטן מיט זיין קינד, סתם אזוי מסיח לפו תומו, אז דער צדיק צו וועם איר ווילט גיין איז גאר א קל, איך קום דאך פון אים און איך האב אליין געזעהן אים טון א עבירה.

דער ראש ישיבה האט דארט זייער שטארק ארום גערעדט ווי ווייט מען דארף זיך היטן פון די סארט ״מסיח לפי תומו מענטשן״, וואס קענסט מיינען אז ער וויל גארנישט אבער באמת איז דאס דער סמ״ך מ״ם אליין וואס וויל דיר נאר אוועק שלעפן פונעם אייבערשטן.

### המפיץ ר׳ נתן יאקאבאוויטש געבט איבער:

אמאל ווען מען גייט הפצה אין א בית המדרש אדער א כולל, מענטשן זענען אויסגעהונגערט פאר חיזוק

יעדער איינער וויל נעמען א קונטרס, א ספר, א גליון, יעדער וויל נעמען חיזוק, רוב מאל טאקע נעמט מען טאקע זייער שיין.

אבער צומאל זעט מען אז יעדער זאגט זיך אפ פון נעמען, נישט אלעמאל קען א מענטש נעמען פארנט פון א גאנצע עולם; דאס איז אזוי ווי די וואלטסט אריינגעגאנגען אין א כולל מיט א באקס פרישע דאונאט״ס (פאנקען), יעדן פאנגט אן צו רינען שפייעכץ פון די מויל אבער עס איז שווער צוצוגיין נעמען פארנט פון א גאנצע עולם, יעדער וואלט זיך געווינטשן אז די לייגסט אים אוועק איינס אינדרויסן און ער וועט עס שוין באלד נעמען פון דארט. במילא דארף מען זיך נישט שרעקן ווען צומאל זעט מען אז דער עולם וויל נישט נעמען.

### המפיץ ר׳ נתן יאקאבאוויטש זאגט:

נאך א נקודה וויל איך צולייגן: א מפיץ איז אזוי ווי די פאראייניגטע שטאטן; די פאליסי פון די אמעריקאנער רעגירונג איז: ״מיר דארפן רחמנות האבן אויף יעדע לאנד״! ווען עס מאכט זיך א טראגעדיע, אדער ווען א לאנד ליידט און די מענטשן דארט הונגערן, וועט אמעריקע שיקן הילף פעקלעך פון עסן, מעדעצינען און אלע וויכטיגע באדערפענישן, זיי וועלן אפילו שיקן ביי א לאנד וואס איז פיינטליך צו אמעריקע און זי אנטזאגט זיך צו נעמען טובות פון אמעריקע, דא ביי אזא פאל וועט אבער די אמעריקאנער רעגירונג זיכער מאכן אויף אלע וועגן אז עס קומען אן די לעבנס וויכטיגע באדערפענישן צו די איינוואוינער פון יענעם לאנד, זיי וועלן צומאל שיקן זייערע מיליטערישע עראפלאנען וואס וועלן אראפווארפן אין יענע לענדער עסן און מעדיצינען פאר די מענטשן, זיי וועלן זיך נישט קימערן מיט די פראטעסטן פון יענעם רעגירונג אדער מענטשן וואס וואוינען דארט, זיי וועלן געבן עסן און לעבן פאר סיי וועמען אויף סיי וועלכע וועג עס זאל נאר זיין.

דאס דארפן מיר אויך טוהן, ראטעווען אידישע קינדער, נישט קיין חילוק אויב מען וועט דיר יא אדער נישט געבן דעם ״יישר כח״, מיר דארפן טוהן אונזער ארבעט באמנות, און זען אז יעדער איד זאל וויסן פונעם אייבערשטן.

# קלאסיפייד

## BUY AND SAVE

Store hours:

Sun -thurs 10:00 a.m.- 7:00 p.m.

Friday 10:00 a.m.-2:00p.m.

Monday special night hours open till 11:00 p.m.

Drop off hours is the same time

---

א שיינע דירה אויף האשקי
צו פארדינגען פאר צווייטע
העלפט זומער.

ביטע רופט
יצחק אייזיק ראטה
**347-668-6122**

---

איין רומיגע דירה
אין שטעטל אויף
האשקי גאס, צו
פארדינגען פאר
זומער שבתים

ביטע רופט
אברהם הערש וועבערמאן
**845-492-0566**

---

**KB HEALTH**

גרויסע אויסוואהל פון
**כשר'ע וויטאמינ'ס**
אייך צו האלטן פריש און געזונט

פאר יונג און אלט

We are here to help you choose the right vitamins.

The Zussman Family
**845.293.0418**
KBhealth18@gmail.com



---

## Catskill Messenger Service

**מיר טראגן פעקלעך טעגליך**
קעטסקילס, בלומינגבורג, קרית יואל און מאנסי.
און צוריק ביינאכט
מאנסי, קרית יואל, בלומינגבורג, קעטסקלים, און קרית ברסלב ליבערטי.
פרובירט צו רופן א נאכט בעפאר
**ברוך אפעלדארפער**
914–705–9524

---




---

א קאר סערוויס פארט
יעדן אינדערפרי פון
שטעטל קיין קרית יואל.

רופט אשר קרויס
**845-655-9234**

---

Electrolysis,
Tinting, Waxing

Please call
N. A. Appeldorfer
845-537-9681

# וואו און ווער זענען זיי?



## שיקט אריין די ענטפער צום רעדאקציע

די ענטפער וועט זיין אם ירצה השם אינעם קומענדיגן בלעטל




# מַיין צֵיין טוּט וֵויי

"מַיין צֵיין טוּט זֵייעֶר וֵויי; אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף מִיר, מַיין צֵיין טוּט מִיר וֵויי, דָא, דֶער צָאן..."

מוֹהֲרָא"ש אִיז גֶעוֶוען אַמָאל בַּיי מְקוֹמוֹת הַקְּדוֹשִׁים מִתְפַּלֵל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נֶעבְּן מוֹהֲרָא"ש אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אַ אִיד, אַ סְפַרְדִי'שֶׁער אִיד, עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט. מוֹהֲרָא"ש הֶערְט וִוי עֶר זָאגְט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער מַיין צֵיין טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ הָאבּ יִסוּרִים בַּיי דִי צֵיינֶער"; עֶר זָאגְט: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער דָא, דֶער צָאן", מוֹהֲרָא"ש גֶעבְּט אַ קוּק, עֶר זֶעט וִוי דֶער אִיד וַוייזְט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועלְכֶע צֵיין עֶס טוּט אִים וֵויי, אַזוֹי וִוי מֶען וַוייזְט פַאר'ן צֵיין דָאקְטֶער וֶועלְכֶע צֵיין עֶס טוּט וֵויי.



אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶער צָאן אִיז עֶס

מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט: "מִיר הָאט זֵייעֶר גֶעפָאלְן צוּ זֶען וִוי אַזוֹי דֶער אִיד רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶר הָאט אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, עֶר שְׁפִּירְט וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט נֶעבְּן אִים אוּן עֶר קֶען וַוייזְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וואוּ עֶס טוּט אִים וֵויי, וָואס טוּט אִים וֵויי".

מוֹהֲרָא"ש הָאט אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט דִי סְפַרְדִי'שֶׁע אִידְן; מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, דִי סְפַרְדִי'שֶׁע אָפְּשְׁטַאמִיגֶע אִידְן הָאבְּן זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אוּן אַ שְׁטַארְקֶע תְּמִימוּת; אַזוֹי דַארְף מֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַארְף שְׁפִּירְן וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר אוּן אִים בֶּעטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף.

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, לָאמִיר זִינְגֶען אִינְאֵיינֶעם:
"דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אַ אִיד וָואס לֶעבְּט בִּתְמִימוּת אַלֶע זַיינֶע יָארְן,
אוּן אָן תַּרְעוּמוֹת נָאר בִּתְמִימוּת נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן
אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְפָארְן, רִבּוֹן הָעוֹלָמִים, אִיךְ
וִויל אוֹיךְ זַיין אַ תָּמִים, אִיךְ וֵוייס אַז דוּ הָאסְט לִיבּ
אַ אִיד וָואס לֶעבְּט בִּתְמִימוּת אַלֶע זַיינֶע יָארְן..."

# מעשה פון תפילה פאר קינדער

**אליעזר שלמה טייטלבוים פון קרית יואל פארציילט:**
איך וויל זייער שטארק פארן קיין אומאן ראש השנה, האט מיר מיין טאטע געזאגט איך זאל בעטן דעם אייבערשטן.










# נאך וועם הייס איך?

**איך הייס:** ישראל יוסף הלוי איצקאוויטש

**נאך:** מיין עלטער זיידע הרב החסיד ר' ישראל יוסף ראזענבערג זכרונו לברכה

## אביסל איבער אים

ר' ישראל יוסף איז געווען ספעציעל אויסגעארבעט אין די מדה פון סבלנות, ער פלעגט אייביג רעדן זייער רואיג צו יעדן איינעם, איינמאל ערב פסח האט ער אנגעגרייט אפאר סארט מצות אויפן טיש, און דערנאך ארויס מיט א אייניקל קויפן באקסעס פאר די מצות.

ווען ער איז אהיימגעקומען האט ער נישט געטראפן די מצות אויפן טיש, ער האט געפרעגט מיין באבע וואו ס'איז, האט זי געזאגט אז זי האט שוין געוואלט אנגרייטן די סדר טיש, האט זי געלייגט די מצות אין א קלאזעט, מיין זיידע קוקט אריין אין קלאזעט און זעט אז אלע מצות איז אויסגעמישט, ער האט גארנישט רעאגירט נאר ווייטער געטון וואס ער האט צוטון. מיין באבע האט אים געפרעגט פארוואס ער האט געקויפט מצה באקסעס האט ער זיך ארויסגעדרייט און געזאגט אז ער האט פשוט געוואלט האבן גוטע באקסעס פאר די מצות...

ווען מיין זיידע האט שוין נישט געלעבט האט א אייניקל איינמאל פארציילט פאר מיין באבע וואס דא איז פארגעקומען.

איך האף צום אייבערשטן אז איך וועל אויך זוכה זיין צו האבן סבלנות, און נישט קיינמאל טשעפענען א צווייטן איד.

**געשריבן דורך:**
*מנשה איצקאוויטש - בארא פארק*



**אויפן בילד:**
"מיין זיידע הרה"ח
ר' ישראל יוסף
ראזענבערג ז"ל"

# טרעף

## די פאלגנדע ווערטער

**ממלא כל עלמין וסובב כל עלמין אין שום מציאות מבלעדיך כלל ובכל תנועה ותנועה שם אלופו של עולם**

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ע | ח | נ | ס | ו | ק | צ | ת | א | ג | נ | ת | ז | ב | א | ס | ה | ק | ל | כ | ט | ק | ד |
| ו | ע | צ | נ | ד | ה | מ | ע | ה | ר | ח | ע | מ | ת | י | ה | ג | ט | כ | ל | פ | ב | ו |
| ת | א | י | ה | נ | ו | ל | ב | ש | מ | ה | ו | ע | ש | ו | ר | י | ת | ב | ז | כ | כ | ר |
| כ | נ | א | ו | ו | ט | נ | ג | כ | מ | ש | ב | ת | ה | ג | ו | ת | נ | ו | ע | ה | א | ג |
| ז | צ | צ | פ | צ | י | י | ב | ש | ל | ק | ח | ט | ע | פ | ש | ו | צ | ה | ו | ס | ה | ד |
| ל | ח | נ | כ | א | ת | ח | ה | ל | א | ע | י | ל | ו | ד | ר | א | ח | ת | ט | ק | ת | מ |
| ע | ר | ד | ז | ג | י | ט | כ | כ | ז | ח | מ | ט | נ | פ | מ | י | כ | פ | ד | ג | ל | מ |
| ו | ק | ב | ג | ע | ל | מ | י | נ | ב | י | ר | ט | ת | ח | ק | צ | ס | א | א | ו | ה | י |
| ב | ת | ב | צ | נ | ש | ד | ח | ד | נ | ק | מ | ס | ו | ד | נ | מ | מ | ק | ע | ב | ר | ג |
| ש | צ | ו | י | ט | ע | ד | א | ק | ח | ל | צ | ח | ל | פ | ת | ר | ב | ג | ח | ק | ל | ת |
| ק | ה | ס | ז | ל | ל | פ | ד | נ | א | י | ר | ח | ג | ה | ו | ט | ט | פ | ק | ב | ב | ג |
| פ | א | ו | ב | צ | ה | ז | י | א | ר | ט | ו | ק | ע | מ | ש | ל | ע | ר | ק | ש | ת | ו |
| ק | ע | מ | מ | צ | ב | ס | ח | י | ר | ר | ג | א | א | צ | ד | מ | א | ט | ב | ד | כ | נ |










# א
# שיעור מיטן רבי'ן

### אמת

**לא.** עַל יְדֵי דִּבּוּר שָׁוְא בָּא מַכּוֹת בָּנִים.

**טייטש.** וֶוער עֶס זָאגְט לִיגְנְט, וֶועלְן זַיינֶע קִינְדֶער כַאפְּן קְלֶעפּ.



# חידות
## אפטיילונג

**דער ראש ישיבה זאגט שטענדיג: מוצאי שבת פירט מען זיך**

1. צו אנהייבן מעביר סדרה זיין
2. צו עסן קנאבל
3. פארציילן מעשיות פון צדיקים
4. זיך צאמקומען

**שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:**

**שאלה:** דער הייליגער רבי האט געזאגט: מיט דריי תנאים קען מען זאגן ווערטלעך, וועלכע דריי?

**ענטפער:** 1. אן קיין ניבול פה 2. נישט אויף צווייטנ׳ס חשבון 3. נישט מיינען זיך

דער געווינער פון פאריגע וואך איז
**משה יוסף טייטלבוים נרו יאיר - קרית ברסלב**
שיקט אריין די ענטפערס **מיט אייער נאמען** צו 845-379-1161

# סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | | | | 3 | |
| 2 | | | | | |
| | 5 | 2 | | | 4 |
| | 6 | | | | |
| | | 3 | | 5 | 2 |
| 1 | | | | | |

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | 9 | | | | | | 8 | |
| 2 | | 5 | 6 | | 8 | 7 | | 9 |
| | 7 | 8 | | 9 | | 1 | 6 | |
| | 2 | | 4 | 5 | 7 | | 9 | |
| | | 6 | 2 | | 1 | 3 | | |
| | 5 | | 9 | 6 | 3 | | 1 | |
| | 3 | 2 | | 4 | | 5 | 7 | |
| 5 | | 4 | 7 | | 6 | 9 | | 1 |
| | 6 | | | | | | 2 | |

# האסטו דורך געלערנט עצתו אמונה פרשת פנחס?

## פון אויבן אראפ.

1. אויב איר וועט זיך ליב האבן, וועט איר זייער _____ זיין
2. איך בין נישט דערשראקן פון שטארבן, איך האב א _____ _____ _____
3. דער אייבערשטער _____ די וועלט אזוי זיס און אזוי שיין
4. גיי התבודדות, _____ מיט'ן אייבערשטן
7. אנשי שלומינו דארף מען אויך _____ זיין און מחזק זיין
8. אז עס איז פונעם _____ איז דאס נאר גוט
9. מיר האבן א _____ פון תפלה והתבודדות
11. עס איז דאך א מחי' צו _____ צווישן די גראז און רעדן צום אייבערשטן
12. חתונה מאכן די קינדער יונג, ווען זיי זענען נאך ריין, דאס וועט _____ דעם דור
13. _____ איז די שליסל פאר גוטע קינדער
17. ווען מען פירט זיך שיין מיט _____, איז דאס די גרעסטע הפצה וואס איז שייך
20. בלייב ארבעטן מיט דיין _____

## פון רעכטס צו לינקס.

5. _____ פאר די קינדער מעשיות פון צדיקים
6. זיין א _____ איז דאך אזוי הייליג
10. יעדע ווארט וואס מען לערנט מיט קינדער, הערן _____ אויס
11. דאס רעדן צום אייבערשטן מאכט א _____ אמונה
14. זע עס זאל זיין א _____ אטמאספער אין קלאס
15. האסט שוין _____ אויפן הימל היינט?
16. אז מען האט א משפחה איז מען _____
18. ווען מען נעמט דעם טאפ _____ מען תפילות
19. מיר דארפן _____ פאר שמחה אז מיר האבן פיאות
21. _____ נישט קיין גוטע ווערטער פאר די קינדער
22. די וועלט האט א _____ _____



### די ענטפערס פון פאריגע וואך



כולל היכל הקודש
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

בעזרת השם יתברך

מיט פרייד טוען מיר מודיע זיין
פאר אנשי שלומינו היקרים

# תושבי קרית ברסלב
## ליבערטי יצ"ו

# די יערליכע מזוה אווענט
## לטובת כוללינו

די מסיבה וועט פארקומען מיט'ן אייבערשטן'ס הילף

## זונטאג פרשת דברים

בבית ידידינו היקר

## ר' אברהם אלי' פרידריך הי"ו

87 Radcliff Road, Ferndale ny 12734

8:00 pm

# בילדער
## אפטיילונג




קרעדיט: יואל הכהן

דער ראש ישיבה באזוכט אין מיידל קעמפ מיט ר' יצחק פאפנהים הי"ו מנהל תלמוד תורה היכל הקודש ירושלים



קרעדיט: אברהם הערש וועבערמאן

מען גייט הפצה ערב שבת אין שטעטל


קרעדיט: יחזקאל סאמעט


קרעדיט: משה בלוי

די קינדער פון ישיבה קטנה וואס ווילן אויף זומער אין מחנה אילן החיים, ביי א אויספלוג צו גיין וואשן וועש


קרעדיט: יוסי פרערויא

דער ראש ישיבה ביי א פארברענג מיט די בחורים


קרעדיט: אלי' קעיל

אפשערן פון בן ר' אלי' קעיל הי"ו, דינסטאג פנחס







**דער ראש ישיבה באזוכט ביים גן עדן פון די קינדער אין מחנה אילן החיים - ערב שבת פנחס**







**ביים באזוכן די בָאנקס פון די קינדער**




**אין א שמועס מיט די קינדער**




**ביים דאווענען מיט די קינדער אין מחנה אילן החיים**




**ביים זיצן אין גן עדן מיט די בחורים**




**מען פארקויפט די גליונות היכל הקודש אין שטעטל ליל ששי חקת נאכ'ן שיעור**

# בילדער
## ארכיוון

### מוהרא"ש זי"ע באזוכט אין מחנה היכל הקודש, ראש חודש אב תש"ע


ביים אנקומען אין קעמפ


ביים ווערן אויפגענומען דורך דעם ראש ישיבה שליט"א


ביים שפאצירן אין קעמפ אויפן וועג צום בית המדרש בנין


ביים דאווענען מנחה פאר די סעודת ראש חודש


ביים סעודת ראש חודש


אין א שמועס מיט די בחורים נאכן סעודה




# וואָרט מיט שפּאַנונג!

## נייע סעריע

אנגעהויבן פון קומענדיגע וואך

אם ירצה השם